STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02745

# MONTOG

Moshe Kulbak

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

425-

משה קולבאק

# מאנטאג

(א קליינער ראָמאַן)

JEWISH CULTURAL CLUB
דער אידישער
קולטור פאראיין
סאסקאטון
SASKATOON

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע

CLUB

Printed in Poland

M. Kulbak — Montog (Poniedziałek)

Wyd „Kultur-Liga" Warszawa 1929

געדרוקט אין 750 עקזעמפלארן 1929

הילע געצייכנט פון ה. גאָלדשלאַק

Druk. „Di Welt" Warszawa Nowolipie 7

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON

1

# מרדכי מאַרקוס, ווי אַ מענטש

אין דער שטאָט דער רעוואָלוציאָנערער, האָט געלעבט אַ לערער אַ העברעאישער, אַ שטילער מענטש — מרדכי מאַרקוס. ער האָט געוואוינט אינם בוידים-שטיבל אויבן, איינער אַליין, און עס איז אים אָפטמאָל פאַרבליבן צייט אָפּצוזיצן די נעכט איבער דיקע ביכער ביז אין טאָג אַריין. דאָס האָט ער שטילערהייט נאָכגעטראַכט דעם גאַנג פון דער וועלט.

ביי אים אין צימער, אין אַ טונקעלן ווינקעלע, איז געשטאַנען אַ סאָפע אַן אַלטינקע און אַ חרובע; אויף איר דאָרטן פלעגט ער אָפּליגן אָוונטן גאַנצע מיט אַ פּאַפּיראָסל אין מויל און חלומען פאַרשלאָפענערהייט און טיף אַריינטראַכטן, אַז צומאָל האָט ביי אים געקלונגען דער קאָפּ.

אין שטאָט האָט אים, דאַכט זיך, קיינער נישט געקענט, און אפילו דער טאַטע זיינער האָט אים שוין אויך פאַרגעסן, דעריבער האָט ער געקאָנט לעבן רואיק אויפן בוידים און הנאה האָבן פון זיין טראַכטן. נאָר, ווי מע ווייס, האָט ער דאָך פאַרמאָגט אַ גוט באַקאַנטע מיידל — פריילן גנעסיע, וואָס פלעגט אָפט אַרויפקומען צו אים און אָפּזיצן עטלעכע שעה, פירנדיק אין דער שטיל אַן איידעלן שמועס. און מרדכי מאַרקוס, ווי מע ווייסט, פלעגט איר דעמאָלט אַרויסזאָגן די טיפסטע געדאַנקען זיינע.

ער האָט זיך איר אינגאַנצן אָנגעפאַרטרויט.

עס טרעפט, פריילן גנעסיע קומט אריין צו אים אין בוידימל געלאסן, א הויכע און א דארע, זי זאָגט דעם גוט-נאָוונט מיט א שמייכעלע און מרדכי מארקוס שפרינגט שוין גלייך אויף, ער פירט איר צו צום טישביים פענסטער, און עס הויבט זיך טאקע גלייך אָן זייער געשפרעך דער איידעלער. פריילן גנעסיע זיצט אָנגעלענט אויפן טישעלע מיטן שירעמל אין האנט, די פיס אין ווייסע זאָקן, און די שיך אירע אויף שטארק הויכע קנאַפל האלט זי פארבויגן, ווי א הונט דעם עק זיינעם, און זי האָרכט, זי האָרכט.

זי איז געווען פונקט, ווי פון א בוך, פריילן גנעסיע.

מרדכי מארקוס רעדט איר ארויס מיט פארגעניגן אלדאָס דערהויבענע, נאָר אז ער בלייבט דערנאָך אליין, פארטראַכט ער זיך. און ס'פארדריסט אים, וואָס ער האָט צופיל גערעדט. ער ציט זיך דעמאָלט אויס אויף דער קאנאַפע און טראכט לאנג און טראכט אריין שוין אויף אזויפיל, אז מען קאָן שוין אָנטאפן די געדאנקען זיינע מיט די הענט.

און דעמאָלט איז מרדכי מארקוס געווען צופרידן.

ער האָט געהאט א רגילות, מרדכי מארקוס, וואָס איז אים פארבליבן נאָך פון דער יוגנט אָן. אין א פראָסטן מאָנטאָג אווענקזעצן זיך ביים פענסטערל אָנגעשפאַרט אויף די הענט און ארויסקוקן אונטן צום גאַס אויף די אָרעמעלייט, וואָס גייען איבער די הייזער, און ער האָט זיי באטראכט, די בלייכע שלעפער, מיט א מאָדנעם טויבן ציטער אין דער נשמה. אזוי קוקט מען אמאָל אויף די כהנים אין בית-מדרש ווען זיי שטעלן זיך אויס צום דוכענען. ער האָט געזען, ווי מענטשן טוען שווייגעוודיק א הייליקע ארבעט, וואָס ער איז צו דעם נאָך נישט דערוואקסן.

ריינע אָרעמקייט איז א דערהויבונג — האָט ער גע-טראכט.

און מרדכי מארקוס, ארויסקוקנדיק פון זיין בוידימל אויף דער גאס די רעוואָלוציאָנערע, האָט ליב בעקומען צוויי אלטעטשקע פארוויקלטע אין פאטשיילעס מיט פארבונדענע

קניפּן אויף אהינטן, וואָס האָבן זיך יעדן מאָנטאָג און דאָ־נערשטאָג באַוויזן אויף די שוועלן פון די שטיבער, גידע־ריטשקע, ווי ארויסגעוואָקסענע, קורצע בארעוויקעס, פון דער ערד. ער האָט זיי נאָכגעקוקט און עפּעס האָט ער נישט פאר־שטאנען.

נישט פארשטאנען, וואָס אלעמען איז עס אייגנטלעך גאנץ קלאָר געווען.

און מרדכי מארקוס האָט שוין דערווייל ווייטער גע־טראכט.

איינמאָל, אין אן אומרואיקן טאָג פאר דער שטאָט, ליגט ער אזוי איינגעצוירעט דאָרט אין בוידימל אונטער אן אלט בגד, חלומט אויף דער וואָר און ער דערהערט פלוצלונג א שיסעריי.

עס קנאַלט מיט א לעבעדיקייט און מיט אן אָרדענונג אין דרויסן.

ער גייט צו צום פענסטערל, בויגט זיך אריבער צו דער גאס — עס איז קיינער נישטאָ, אָבער פון א טויער רוקט זיך ארויס צו־ביסלעך א קאָפּ א פאָרזיכטיקער און קוקט אין דער לענג פון דער גאס ארויס. מרדכי מארקוס פרעגט אים, דעם קאָפּ:

— פאני, וואָס שיסט עס, הא?

— כ׳ווייס, מען האָט אויסגעשאָסן — שיסט.

האָט ער דעמאָלט געזען צוצומאכן דאָס פענסטערל און באשלאָסן נישט ארויסצוגיין גאָר א לענגערע צייט — אויפן בוידימל וועט זיין רואיק.

און פון דעמאָלט אָן איז ער שוין געזעסן, מרדכי מאר־קוס, אין שטוב. ער האָט זיך אליין אויפגעקאָכט טיי, געגעסן עס מיט ברויט און אריינגעקוקט דערביי אין א בוך אריין. שטענדיק איז אָבער געלעגן אָפן פאר אים אויפן טישעלע דאָס קליין תנ״כל איוב, וואו ער האָט אריינגעקוקט מיט די פעטע אויגעלעך זיינע און ער האָט אָנגעקוואָלן:

— זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן פונווייטנס און

זיי האָבן אים נישט דערקענט, האָבן זיי אויפגעהויבן זייער שטים און זיי האָבן צעריסן יעדער מאן זיין מאנטל און זיי האָבן געוואָרפן אש אויף זייער קאָפּ צום הימל, און זיי זיינען געזעסן מיט אים אויף דער ערד — — — —

אָט אזוי האָט ער דאָרטן אויפן בוידימל געלעבט אין רו און שטילע פריידן, מרדכי מארקוס.

2

# דער גרויסער בער און די רעוואָלוציע

דער גרויסער בער איז היינטיקע נאכט געווען אומישנע אָנגעהאָנגען אויפן הימל.

די שטאָט די רעוואָלוציאָנערע, איז לאנג העכער געוואָרן און טיפער. די מאסע, וואָס האָט פול אָנגעשטאָפּט דעם מארק און דעם פּאראד-פּלאץ, האָט זיך אראָפּגערוקט נידעריקער אראָפּ אין די זייטיקע גאסן, ווי עס וואָלטן זיך ארויסגעשפּרייט הענט און פיס פון עפּיס א פינסטערניש אין די גאסן אריין.

עס איז געווען שטיל.

דאָס קארגע שטערנליכט האָט באלויכטן אין דער מאסע פּלייצעס, צעפּאטלטע בערד פונם טרעגער-פּאריין, גראָבע וואָנצעס פון מעטאליסטן און הינטן ערגעץ צווישן מויערן — דעם מאָגערן נאָדל-פּאך.

פּענער האָבן געווייט אין דער ריינער שטילקייט.

און זי איז געשטאַנען, די מאסע, א פּערטייעטע, שווער ארומגענומען מיט די גאסן פון שטאָט און זי האָט זיך צוגעהאָרכט.

א יונג פּרעסטל האָט געצויגן לער און אויסגעליידיקט ווי דער קאלטער געדאנק פון דער מאסע, וואָס האָט געטראכט הויל און אויסגעצויגן. שפּעסענע ווייסלען האָבן פון זייערע טיפע לעכער ארויסגעקוקט העט ווייט אין דער נאכט מיט

א פארבאָרגענער שטוינונג, און איין מענטש האָט אזוי געלעבט דעם אנדערן, איבערגעגאָסן זיך שטילערהייט דופק אין דופק און ארויסגעהוילט פון אינעווייניק, ווי פון א פארשאָטענער הייל.

א בונדיסט האָט זיך ארומגעבלאָנקעט, ער איז ארומגע-לאָפן א פארשפעטיקטער, צוגעלאָפן דאָ און צוגעלאָפן דאָרטן:

— וואו שטייט דער „בונד“, חברים? וואו שטייט דער „בונד“?

און ער איז פארפאלן געוואָרן אין דער טונקלעניש. און איבער דעם איז געהאָנגען דער בער און מיט א קילן זילבער-נעם פאָדים האָט ער אויסגעוועבט ריינע שטילקייט איבער דער פינסטערניש.

עס איז געשטאנען מרדכי מארקוס צונויפגעדריקט אינם זומערדיקן מאנטעלע זיינעם און מיט א פארריסענעם קאָפּ נאָכ-געקוקט דעם איידעלן גאנג פון די שטערן, און ער האָט גע-טראכט, אז עס איז רואיק און אומרואיק אויף דער וועלט.

ביים וויטן עק מארק, ווייט, האָט א שטים עפּעס אויס-געריפן, —

עס האָט זיך קוים א באוועג געטאָן די מאסע און מיט אמאָל האָט עס ארויסגעשריען, ווי פון אונטער מצבות, עס האָט זיך איבערגעקערט דאָס הארץ און קיינער, קיינער האָט נישט געוואוסט, אז עס איז פאראנען:

ר ע וו אָ ל ו צ י ע!

---

אין שטאָט איז תחילת ערשט אריינגעקראָכן א געפּאנ-צערטער אויטאָמאָביל, אריינגעשלעפּט זיך קאלט און פינסטער, א פארזעעניש און געפּאָכעט מיט א רויט פענדעלע.

רייטער אין לאפּטשעס זיינען אָנגעריטן אויף אויס-געמאָרעטע סקאָפּעס.

כינעזער.

פּאסטעכער זיינען אָנגעקומען מיט ביקסן.

און אויבנאָן, אויף דער טריבונע, וואו ס'האָבן געברענט שטורקאצן, איז שוין געשטאנען א דארינקער מיט א שווארץ בערדעלע, א בלייכינקער איינדערנאכט, און אויף גיך האָט ער דערקלערט זיין שטעלונג די רעוואָלוציאָנערע.
ס'האָט געגרויט אויף טאָג.

די מאסע האָט געגליווערט ארומגעהויכט מיט א דין פרעסטעלע פון באגינען. זי האָט געגלאָצט אלץ אהין צו דער טריבונע, וואו איצטער איז שוין געשטאנען א נידעריקער, גלאט-ארומגעראזירטער רעדנער אין גרויסע געראמלטע ברילן. עס איז געשטאנען דער רעדנער צו געקאָוועט, אָן קיין באַוועגונג, און זיין בלאנקע שטים האָט עפעס שטארק באפוילן, וואָס זי, די מאסע, האָט תיכף באשלאָסן צו געהאָרכן.
א ווינטעלע האָט געפאלבט די אריבערגעהאָנגענע ברייטע פענער איבערן פלאץ, ס'האָבן זיך ארויסגערוקט שטיבער, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך פלאקאטן פון אָנגעצונדענע שטעט. שטוב אויף שטוב. און אין גרוי פון פארטאָג האָט דער פיר-עקעדיקער רויט פון אומעטום צעמישט די רו און די וועלט און עפעס טיף געשראָקן, ווי מיט פארגאָסענעם בלוט:
ר ע וו אָ ל ו צ י ע!

---

מרדכי מארקוס דער רעוואָלוציאָנער איז אוועקגעשלעפט געוואָרן אין געדרענג פון דער פארטיי זיינער. ער איז אוועק פאמעלעך מיט דער בארגיקער גאס אויף אראָפּ, אָפּגעשטעלט זיך געקוקט פארקלערט און איינגעזאפט אין זיך די קאלטע גרויקייט פון אָט דעם מאָדנעם אויפגאנג אויף טאָג. עס האָט זיך געטראכט אין אים עפעס זייער וויכטיקס, נאָר ער האָט נישט געוואוסט וואָס.
פונדערווייטענס האָט זיך ארויסגעזען פונם נעפל דער אראָפּהאנג פון בארג, וואָס שוין הינטערן שטאָט. איינציקע ארבעטער מיט אויפגעשטעלטע קעלנערלעך זיינען איבערגע-

לאָפּן די גאַס איילנדיק א היים. און דאָרטן אונטן ביים טיר פון יידישן ד"ר ביקשקאָווסקי איז פון פערד וואוילייגעריש אראָפּגעשפּרונגען א רייטער, מסתמא מישע, ביטשקאָווסקיס זון, וואָס איז צוריקגעקומען מיט דער רויטער ארמע. פון מארק האָבן זיך דערטראָגן שטיקלעך אָפּגעזונגענע לידער: עס טוט זיך דאָרטן אויך עפּעס וויכטיקס, און דאָך איז געווען מאָדנע אומהיימלעך אויף אָט דער אָפּגעוואָרפענער גאַס.

ער האָט שוין איילעקער אוועקגעשפּרייזט דאָרטן אראָפּ־צו. ער איז אריבערגעגאנגען דאָס קליינע בריקל, וואָס האָט פּוסט אָפּגעהילכט די טריט זיינע, און מיט די פעלדער פאַר־נומען זיך אהין אין א זייט, צו דעם אראָפּהאנג פון בארג. גראָבע וואָנצן פון מעטאליסטן האָבן זיך געטראָגן פאר די אויגן עפּעס אזוי, ווי די צוגעפרוירענע שפּערלען, וואָס זיינען איצט ארויסגעפלויגן פאמעלעכדיקע פון די נעסטן.

און נידעריק איבערן קאָפּ האָבן געבלאנקט שווערע, אָפּ־געשליפענע שטערן.

ער איז געזעסן אליין אויבן אויפן בארג אָנגעלענט אָן א שטיין מיט זיינע רויטע הענט, און ער האָט געקוקט שטיל און פערטייעט. ער האָט שווער געטראַכט. דורכגעמאכט עפּעס א ווייטן וועג, נישט האָבנדיק קיין געדאַנק אין קאָפּ. עפּעס א טונקלקייט האָט געדריקט, וואָס האָט זיך געוואָלט אויפלעזן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיטאמאָל האָט אים אויסגע־דאכט, אז דער דאָזיקער אריבערגעבויגענער בארג האָט זיך ארויסגערוקט ווייט ארויס אין א ריינער וועלט, וואו מענטשן זיינען שוין נישטאָ. עס שוועבט דאָרטן אַרום דער געדאנק זיינער, וואָס האָט שוין דעם קערפּער נישט, ער זאַפּט אין זיך איין דעם גאנצן אל ארום און קוקט, קוקט נישט נאָר מיט די אויגן, נאָר מיט דעם שיינענדן קריסטאָל פון דער נשמה. ער קוקט אויף דעם גרויסן בער אין הימל.

און בעת מרדכי מארקוס איז נאָכדעם אראָפּ פון בארג

איז שוין פאר אים קלאָר געוואָרן אָט די טונקלעניש, וואָס האָט זיך געהאט ארייַנגעוועבט א האָריקע אין דער נשמה זייַנער.

ער האָט עפּעס, עפּעס פארשטאנען.

מיט א לייכטן טראָט, צעפעדערט איז ער געגאנגען אדורך די גאסן און פערקירעוועט ארויפצו צום שולהויף, דאָרטן, וואו עס איז געשטאנען דער הקדש פאר די אָרעמעלייט. ער איז אריין אהין באגינען מיט א נייער בשורה, וואָס קיינער האָט, דאכט זיך, נישט פארשטאנען, אָבער מען האָט אים אין הקדש אויפגענומען, ווי אן אייגענעם.

אזוי האָט מען נאָכדעם דערציילט.

ער איז דאָרטן אָפּגעוועזן צווישן די אָרעמעלייט עטלעכע טעג כסדר און גערעט צו זיי נאָכאנאנד, ווי פון א פיבער, און די אָרעמעלייט האָבן זיך געקליבן רעדעלווייז ארום אים, מען האָט אים לאנג אויסגעהאָרכט און קיינער האָט אים נישט געענטפערט. א מאָדנע זאך, נאָר עס איז באוואוסט, אז מרדכי מארקוס האָט דעמאָלט געלייקנט אין מענטשן, ער האָט גע-לעסטערט די געזעלשאפט און ער האָט ביטער אָפּגעלאכט פון דעם טאָג שבת און דערבייַ האָט ער אָבער שטארק געלויבט דעם פּראָסטן טאָג מאָנטאָג, ווען די אָרעמעלייט גייען איבער די הייזער.

3

# ר׳ יודע

די שטאָט האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי א זייגער, וואָס מען האָט אים פארזען און ער איז אויסגעגאנגען. ס׳האָט געטריפט א קרומער, לאנגער רעגנדל און די גראָבע וואָלקנס, קנויליק אָנגעבלאָזענע, זיינען געהאָנגען פאזע די מויערן אזוי, אז דעם הימל אויבן איז שוין בכלל נישט געווען צום זען.

א ייד איז געשטאנען הארט צוגעקלעפּט צו א וואנט און עס איז געווען אויף אים רחמנות, ס׳האָט אויסגעדאכט: ער וועט שוין אזוי אָפּשטיין דעם גאנצן לעבן זיינעם.

טיף עובר בטל איז ארומגעגאנגען דער קליינבירגער. ער איז ארומגעגאנגען מיט א פארקאטשערטער הויז, מיט א פּאררוקטן קאַפּעלושל און געפּאָכעט מיט א שטעקעלע, מיט א שטעקעלע... און דאָס אויג פונ׳ם רעווקאָם האָט אויף אים געקוקט פאָרזיכטיק און בייז.

אין די קילע טעג האָבן געגליווערט די צלמים און די הויכע טורעמס פון שטאָט מיט א מאָדנעם נאקעטן גלייכגילט, און זיי האָבן געטענהעט, אז עס איז זיי שוין אלצאיינס און וואָס עס זאָל שוין נישט פאָרקומען — וועט עס נישט אָנקו־מען פאַר זיי אומגעריכט.

פון די טעלעגראפנדראָטן, אנטקעגנאיבער דער ריי קלייטן, איז אַראָפּגעהאָנגען א געפּגרטע קאץ מיטן קאָפּ אַראָפּ.

[illegible]ואָכענע פון די רעגנס, און קיינער פון די בירגער האָט זיך נישט געפונען אין מארק אראָפצוהייבן איר, די נבלה.

קליינע אָפטיילונגען סאָלדאטן, גרויע, זיינען אדורכגע-גאנגען פון צייט צו צייט מיט א רעוואָלוציאָנערן טריט אראָפ-צו אין די קאזארמעס זייערע אריין.

עס איז געשטאנען איין קלייט אָפן. ר׳ יודע, דאָס מאָגער קרעמערל פון באקאליי, איז געזעסן אין דער קלייט און א פארטערכעטער געדרעמלט אין איר ביים סאמע גאניק. אינעווייניק אין דער הויכער אויסגעמעליקטער קראָם האָט זיך געבויגן א שווער זעקל האָבער אויף א דערהייבונג, און אויף דער פאָליצע — א סלאָי א שטארק באארבעטער פון פליגן, מיט קאָנפעקט פון פאר דער מלחמה.

עס איז די לעצטע צייט צוגעגאנגען שוואך די לייזונג ביי ר׳ יודען אין געשעפט זיינעם, נאָר ער, יודע, איז ניט דער מענטש, וואָס יאָגט זיך נאָך פרנסה, און עס קימערט אים ניט.

א קליין מיידעלע לויפט, לויפט אריבער דעם מארק באָר-וועס און מיט א צעפעלע א דיינינקעס, זי לויפט גלייך צו אים אין געשעפט זיינעם אריין און זי בעט ביי אים אויך אויף א דיגינקן קולעכל:

— גיט מיר פאר א קערענקע א צוקערקע, אָבער ניט קיין פארדאָסטע.

נאָר אצינד וועט זיך ר׳ יודע ניט אויפהייבן.

בעת ער קלייבט זיך אָפצורוען וויל ער ניט. ער בא-קוקט דאָס מיידעלע פון א זייט. ער קראצט זיך אויס און הייסט איר קומען אפשר, אפשר אן אנדערש מאָל.

נאָר אז ס׳מיידעלע שטייט צו, ווערט ער שוין דעמאלט בייז:

— אַ מיידעלע טאָר נישט עסן קיין קאָנפעקטן!.. און עס איז א שאָד דאָס געלדו!.. פע, מיידעלע, מיאוס... און ער בלייבט

זיצן אזוי אויף זיין קלעצעלע פארטערעכעט אן ארבל אין אן ארבל, ער טראכט וועגן דער שלעכטער רגילות זיינער צו זיצן אין קלייט און עס קומט אים אויס, שון האלב-דרעמלענדיק, אז די קלייט זיינע פארבייט עס אים די פארשטארבענע ווייב, וואס איז אים אוועק פון דער וועלט שוין מיט א יאר דרייסיק צוריק.

דאס לאנגע רעגנדל, וואס האט זיך אנגעקליבן ביי אים אין צעקנאדערטן היטל, האט איצט גענומען אראפרינען אויפן דינעם נעזל זיינעם און אין דעם פארבלאטיקטן בערדעלע אריין, וואס איז צוזאמענגעשטעלט געווארן פון עטלעכע בלאנדע האר.

ער זיצט און קוקט פארשלאפענערהייט אויף דער שטאט, די אריבערגעדעקטע מיט דעם אנגעלאדענעם צודעק פון וואלקנס ווי א פירעקודיק קעסטל אן אן ארויסגאנג, וואו עס גייען ארום שטילע מענטשן אויף לאנגע אויסגעהונגערטע פיס.

ער איז געזעסן, געזעסן ר׳ יודע און ער איז שוין אזוי טיף איינגעשלאפן.

דער טאג האט זיך געזעצט.

די שטאט איז שוין א מרהשחורה׳דיקע אזא אריין אין דער נאכט, און ר׳ יודע איז נאך געשלאפן. עס איז פארבייגעגאנגען אן אפגעסערכעטער סאלדאט, אן אן אויער, ווי א הונד א געשלאגענער. ער האט זיך אפגעשטעלט, באקוקט דאס קרעמל און אריינגעשפיגן אים אין קאלנער אריין.

ר׳ יודע האט זיך דעמאלט אויפגעטשוכעט, אויסגעקראצט זיך און צוריק איינגעשלאפן.

און ערשט שפעט אין אוונט האט ער דערהערט קולות אין מארק. איינער מיט גרויסע הענט האט אים געהאלטן פאר די שוואכע לעצלעך און געטרייסלט. ער האט זיך אויפגעכאפט. אויפן גאס אין דער טונקלעניש איז געשטאנען א געזעמל מענטשן. א בלייכער יונגערמאן, ארומגערינגלט פון סאלדאטן, האט געקוקט אויף אים, אויף ר׳ יודען און עפעס

נאָכאנאנד האָט ער גערעדט צו אים, אָנווייזנדיק מיט דער האנט אויף אראָפּצו.

— ווער איז ער, הא? — האָט א פרעג געטאָן ר׳ יודע.

— אייער זון מרדכי, גאָט איז מיט אייך!

— איז וואָס?

— איז גאָרנישט. מען פירט אים תפיסה.

— אזוי? פשא... מרדכי, נאכסאָל פירט מען עס דיר אין תפיסה? הא? — —

נאָר מרדכי מארקוס איז שוין דערווייל און וואָס ווען געווען לאַנג צעוועקגעפירט פונם מאַרק. ר׳ יודע האָט שוין אומזיסט ארויסגעקוקט אויף דעם ליידיקן אָרט, וואו ער איז פריער געשטאנען. אויף ר׳ יודעס שאלה האָט געענטפערט א פרעמדער ייד, וואָס איז געוואָרן מאָדנע אויפגעבראכט:

— איר זייט א קרעמערל א שטייגער, ר׳ ייד:

אזוי האָט ער געזאָגט, דער ייד, אויסגעשפיגן און איז אוועקגעגאַנגען. און עס איז נאָכדעם געוואָרן ווידער שטיל אין מארק. גרוי און וויסט און מיטוואָכדיק. ר׳ יודע האָט אויסגעקוקט אויף א מענטשן, נאָר קיינער א לעבעדיקער האָט זיך נישט געזען אין מארק.

ערשט נאָכדעם האָט זיך באוויזן פון אראָפּצו א שווארץ שטרויען היטעלע און באלד — א שירעמל און א פאָר ווייסע זאָקן אין שווארצע שיך.

פריילן גנעסיע, איז עס אין מיטן נאכט ארויסגעלאָפן זען עפּעס, וואָס צום טאָן.

4

# סטעסיע און גנעסיע

די צוויי אלטעטשקע, וואָס מרדכי מארקוס זיצענדיק בײַ דיך אין בוידימל און קוקנדיק אדורכן פענסטערל האָט זיך פארקוקט אויף זיי.

צוויי אלטעטשקע, צוויי פעלדמעס:זערקעס — סטעס״ע און גנעסיע (אן אנדער גנעס״ע), פארוויקעלטע אין פאטשיילעס, מיט פארבונדענע קניפּן אויף הינטן און מיט פּנימלעך דארינקע, פון וועלכע עס שטארטשען אָפּ קליינינקע קארטאָפל נעזע׳עך אלטעטשקע, אָנגעטאָנענע אין שפּאקולן מיט די שטריקעלעך פארצויגן אויף א הינטער די אויערלעך.

צוויי תהלים זאָגערקעס, סטעס״ע און גנעס״ע, גרויע ווי הינדעלעך, וואָס גייען איבער די הייזער יעדן מאָנטאָג.

צוויי, וואָס זיצן שטילינקע בײַ די שוועלן און מיט די אײַנגעפאלענע מײַלכעלעך שילטן זיי און בענטשן זיי.

סטעסיע און גנעס״ע וואוינען אין דעם טהרה־שטיבל אויפן בית־עולם, דאָרט קוקן זיי טאָג אויף טאָג אדורכן פענסטערל, ווי א פייגעלע פליט און ווי א גרעזעל גייט אויף.

און בײַנאכט שלאָפן זיי; סטעס״ע — אויפן אויוון, גנעס״ע — אויפן טאַפּטשאַן, צוגעדעקט מיט א פעלצעלע און מיט א טיכעלע.

און זיי שעפּטשען פון שלאָף, און זיי ליגן, און זיי ליגן, ווי צוויי ליכט וועקסענע.

און אין מיטן דער נאכט טשוכעט זיך אמאָל אויף סטעסיע, זי רייבט אויס די טרוקענע שפּעלטעלעך — די אויגע־לעך און זי פרעגט:

— גנעסיע, גנעס׳ע, די שלאָפסט?

ענטפערט גנעס׳ע:

— ניין. און דו, סטעסיע?

— אויך נישט.

קריכן זיי אראָפּ פון די לעזשאנקעס, גיסן אָפּ נעגל־וואסער. פאַרבינדן זיך און פארקניפּן זיך, און נעמען ארויס פאוואָלינקע דעם טויטן פאָדים פונם קאסטן.

דענסטמאָל עפענען זיי די נידעריקע, שווערע טיר פונם טהרה־שטיבל און זיי קומען ארויס אויפן פעלד.

אָ, שטערנדלעך לייכטן.

עס נעמט סטעסיע ביים ברעג פון פאָדים און גייט פאָרויס. ווייט, און גנעסיע האלט דעם קנויל הינטער איר, וויקלט פון אים און וויקלט פון אים, און אָט אזוי טוען זיי פעלדמעסטן.

אָט אזוי.

עס ציט זיך דער ווייסער פאָדים אין דער פינסטער, ער קנוילט זיך און בלאָזט זיך אויף פונם ווינט, וואָס בלאָזט, ער קייקלט זיך אַרויף אויף אינדערהויך לענגער און לענגער, אזש ער פארוויקלט די צלמים און די הויכע טורעמס פון שטאָט. ער פארשפּינט די שטערנדלעך. און ער שפּינט, און וועבט, און פארשפּינט אזוי די גאנצע שטאָט ארום מיט א טויטן פאָדים.

5

# דער פֿאָרדאַרטער בוטשאַן

אינדערפרי האָבן זיך אויסגעבלייכט דאָרטן אויפן באַרגיקן מאַרק, וואָס פירט צום אַראָפּצו, די צוויי ווייסע זאָקן און די שוואַרצע הויכגעקנאָפּלטע שיך, וואָס האָבן גאָר שטאַרק געפּלאָנטערט, געוואָרפן מיט די זוילן אויף אַרויף און דער שירעמל האָט זיי אונטערגעשטופּט, פריילן גנעסיע. אין שתּדלנות איז זי געגאַנגען, די פריילן גנעסיע, צו דעם אַלטן ד״ר ביטשקאָווסקי, דעם בכּבֿודיקן „מענטש" פון די „געוועזענע", וואָס איז אַן אַלטער פריינד מאַרקוסעס (מאַרקוס איז דאָס געווען דער לערער פונם טעכטערל זיינעם). פריילן גנעסיע האָט געטומלט.

אַן אַלטער באַדינער האָט איר געעפנט די טיר, נאָר ווײַבאַלד עס איז אַן ענין אַ פּריוואַטער, האָט ער זי געבעטן, נישקשה, צו וואַרטן.

פריילן גנעסיע מיטן שירעמל אין האַנט האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפגעבראַכט, אַקוראַט אַנטקעגן אַ זובען-אונטערגאַנג ביי אַ שטילן וואַסערל, וואָס איז געהאָנגען אויפן וואַנט, „שקיעה" האָט עס געהייסן. אין די אינעווייניקסטע חדרים האָט געשפּילט אַ פּייפּיאַל און מען האָט געלאַכט דאָרטן אינעווייניק.

ווער האָט עס געקאָנט לאַכן אין די גרויע, טונקעלע שטיבן פונם אַלטן דאָקטאָר?

דאָס שפּילן האָט זיך אָבער תּיכּף דערנענטערט, צוגע־באנגען נאָענט־נאָענט ביז צום טיר. עס איז אריין ער אליין, דער דאָקטאָר, א בייכיקער, א קורצזיכטיקער, מיט א קורצער געלבער באָרד שפּילנדיק אויף דעם פּייפּיאָל זיינעם און צובּויגנ־דיק מיטן קאָפּ צום טאָקט צו. ער איז צוגעקומען צו דער פריילן גנעסיע:

— וואָס גוטס, הא?

פריילן גנעסיע איז אויפגעשטאַנען:

— כ׳בין א נאָענטע באקאנטע מארקוסעס

— א חתן אייערער, וואָס?

— ניין, א באקאנטער, הער דאָקטאָר. דערלויבט, ס׳האָט געשען ס׳גרויס אומגליק. ס׳ווערט באשולדיקט מארקוס אין אַגי־טאציע. אָ, ער ווערט דערקלערט פאר דעם אָנפירער פון די אָרעמעלייט אין שטאָט!!

— דער אָנפירער פון וועמען? — האָט איר דער דאָק־טאָר אריינגעקוקט קורצזיכטיק אין פּנים אַריין.

— פון די אָרעמעלייט.

— אזוי גאָר?

— יאָ.

דער דאָקטאָר האָט מיט א ברייטן מויל, אריינגעשמייכלט אין דעם פּייפּיאָל זיינעם:

— אוּ א וו א, א חברה־מאן! —

— מיר זיינען גאָר אליין סימפּאטיקער פון דער קאָמוּ־ניסטישער אידעע. (זי און מרדכי מארקוס). אמת, ס׳האָט אים נישט דערלויבט זיין וועלט־אנשויאונג אָנצונעמען די פּארטיי־פּראָגראם אינגאנצן. אָבער וואו איז פרייהייט פון וואָרט? גלייכקייט? ברידערלעכקייט? — דער גרויסער לאָזונג פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט באפליגלט דעם גייסט פון אלע פּאָרשריטלעכע מענער, אָנהויבנדיק פון רוסאָ, וואָל־טער און ענדיקנדיק מיט דעם גרויסן לעוו טאָלסטאָי, וואָס איז, לויט איר מיינונג, דער באדייטנסטער קינסטלער פון אונזער צייט?

— זייער ריכטיק, נו?

נאָר מיט אמאָל האָט דערפילט פריילן גנעסיע, אַז נישט זי האָט עס געפלוידערט. זי האָט אייגנטלעך, געוואָלט זאָגן עפּעס אנדערש. עס האָט פון איר נישט ווילנדיק ארויסגערעדט. זי האָט זיך דערפילט אומגליקלעך, איז רויט געוואָרן און צוליב דעם טאקע האָט זי זיך שוין פארלאָרן אינגאנצן:

— לייענט די „געטליכע קאָמעדיע”, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך דער לייכטער האנט פונם גניאַלן איטאַליענער. לייענט קאַלדעראָן, ראסין. לייענט דעם געטליכן שעקספיר — די פרייהייטס-אידעע איז געווען די קרוין און דער גרונט פון זייער שאפן. אָ, נאָר אין לאנד פון אונזער פושקין — — —

— איר וועט ענדיקן? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר.

און פריילן גנעסיע האָט אָפּגעהאקט, זי האָט זיך שיר נישט פונאנדערגעוויינט. און גראָד איצט האָט זיך ארייננגעטראָגן פון צווייטן צימער א קיילעכדיקער געלעכטער. דער דאָקטאָר האָט א קוק געטאָן אויף איר בייז און פון א זייט, נאָר אז ער האָט גוט דערזען, האָט ער איר שוין גענומען בארויאיקן:

— ס'מאַכט נישט אויס, געוואָלט זיך מסתמא אויספיינען?... עס טרעפט...

און ער האָט עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַצירט איבערן צימער, אַ טראַכט געטאָן און דער נאָך האָט ער געעפנט פאַר איר די טיר אין די אינעווייניקסטע חדרים אריין, זי איז אריין אין א האלב טונקעלן עס-צימער, וואו ס'האָט געטראָגן מיט רפואות, ביי די ווענט אויפן דיל זיינען געשטאנען פארשטויבטע בילדער אין שווערע ראמען, פאָרטיערן ארומגעכאפּט פון געשטיקטע פרענז האָבן זיך געטינקט אין שטויב.

ארויסגעצויגענע שופלאָדן.

אויף די שטולן — נאָטן צעוואָרפענע.

ביים ווייסן אויוועלע איז געשטאנען א שטילער און א פּערטייעטער — דער אָפּגעסערכעטער סאָלדאט. דער אייגענער

סאָלדאט, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט גיין צו ר' יוד ע דעם באקאליי קרעמערל און פלעגט אים, דעם פארשלאָפענ ם, שפייען אין קאָלנער אריין. מען האָט טאקע גערעדט אין שט ט, אז ביטשקאָווסקיס עלטערער זון איז פון דער מלחמה גערוים געוואָרן.

ביים קלאוויר איז געזעסען דאָס קליינע קרענקלעכע טעכ־טערל דעם דאָקטערס, זי האָט געקליבן עפעס פארטיפט אויף די קלאווישן און האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף די אריינגעקומענע.

און מישע, דער יינגערער זון ביטשקאָווסקיס, אין א סאָלדאטישן גרויען העמדל, פריש ארומגעוואשן און פארקעמט, איז ביים טיש געזעסן און געטרונקען קאווע, און דערביי זיך חכמהט זיך מיט א יונג-מיידל, א פולינקע, א קיילעכדיקע מיט שווארצגעשוירענע האָר, וואָס איז האלב געלעגען אויפן דיוואן, די פיס אונטער זיך, און זי האָט עס געלאכט נישט אויפ־הערנדיק.

דער דאָקטאָר האָט פאָרגעשטעלט פאַר זיי די ברייזן גנעסיע, וואָס איז געשטאנען אין מיט שטוב א פארלוירענע מיט רויטע פלעקן אויף די באקן, און נאָך נישט געהאט אפילו באנומען, צו וועמען זי דאַרף זיך דאָ אייגנטלעך ווענדן. ער האָט זיך געמיט דער דאָקטאָר און מיט דעם פייפיאָל און האנט איבערגעגעבן מישען די בקשה אירע. מישע האָט זיך פלוצלונג פונאנדערגעלאכט (נישט פון גניעסען, נישט פון גניע־סען!). דער דאָקטאָר האָט אים דענסטמאָל אָנגעהויבן קלאפן איבערן פלייצע.

— מיין פריינד, מיין פריינד, עס זיצן שוין דאָרטן אין אייערע קאַנצעלאַריעס רויטע חמורים. איינע און איינע. און ער האָט זיך אויסגעקירעוועט און איז צוגעגאנגען צום קלאַ־וויר, וואו ליענאָטשקע האָט שוין אומגעדולדיק געווארט אויף אים מיטן שפילן. ער האָט איר צוגעשמייכלט, און ווי ער וואָלט זיך פלוצלונג דערמאָנט, גענומען אויף גיך ארויסזוכן פון די שטולן די פונאנדערגעוואָרפענע נאָטן.

זיי האָבן געקוקט אויף אים אַלע און געשוויגן.

— וועלן מיר אויפשפּילן אַזעס טויט, יאָ ליענאָטשקע ? —

ליענאָטשקע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און דער דאָק-טאָר האָט זיך אַזוי ברייט פאַרנומען דאָרטן ביים זייט קלאַ-ויר, ווי די פריילן גנעס׳ע וואָלט שוין דאָ אין צימער איבער-הויפּט נישט עקסיסטירט: עס האָט נישט געדויערט, און ער האָט שוין אַראָפּגעצויגן די דיקע וויעס אריבער די אויגן, אויסגעשטעלט דעם בויך מיט דער שווערער קייט, וואָס האָט זיך אויף אים געבאָמבעלט, און שטיל אַזוי, ציכטיק אָפּגע-שפּילט אויף דעם לאַנגן, ווייסן פּייפּיאָל א פּולע גאמע, ער איז ווייזט אויס, פאַרבליבן פון דער כלי זיינער צופרידן.

מישע האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרוקט די העמדל אויף אַרונטער דעם לעדער-גורט און עפּעס אַזוי מאָדנע רואיק א פרעג געטאָן, געווענדט דאַכט זיך צו איר, צו דער פריילן גנעסיע:

— איז ווי אַזוי איז עס געשען פּלוצלונג ? ער איז דאָך אַזאַ שטילער האַ ?

זי האָט נאָר אומרואיק געצוקט מיט די אַקסלען.

— און וואו זיצט ער ?

אָט דאָ זיינען די ניין מאָס רייד צוריק אריין אין דער אומגליקלעכער פריילן גנעסיע און זי האָט אָנגעהויבן:

— ביי דעם פּאַל פּאַסט צו זאָגן, אַז די באהאנדלונג פון דער איינציקער פּערזאָן אין אונזער רוסלאַנד האָט איבער-געשטייגט אין איר באַרבאַריזם דעם פינסטערן מיטלאַלטער, ווען דער קלער מיט זיין טרוקענער סכאָלאַסטיק האָט באהערשט די מוחות, דערלויבט, פיל געערטער חבר, די דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי שטייגט שוין אריבער אין איר תקיפות די צייטן פון די רוימישער צעזארן.

—הערט אויף, ער ליינט נישט קיין ביכער, הערט אויף!

—האָט זיך גענומען בעטן דער דאָקטאָר און דער אָפּגעסערכעטער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט פערהאַלטן רואיק, האָט זיך אומגעקוקט אויף דער פריילן גנעסיע און אויס-

געשטעלט א פאר מוטנע אויגן. ער איז מיט ברייטע טריט אוועק, עפעס א מרוק געטאָן אונטערן נאָז, אויסגעשפיגן און איז ארויס, ארויס א בייזער פון צימער.

ביי דער פריילן האָט זיך אָפגעשטעלט דער דופק, און מישע האָט זיך אויסגקירוועט צו אים, ער האָט לאנג נאָכגעקוקט אויף דער צוגעמאכטער טיר א הינטער אים, אינם טאַשנביכעלע האָט ער גענומען ארייננשרייבן די אדרעסן אלע, וואָס זי האָט אים אָנגעגעבן און, ווייזט אויס, באשלאָסן טאקע וואָס גיכער ארויסצובאגלייטן איר פון דער שטוב ארויס: און זי, די פערצייטיקע פריילן גנעסיע, די אומבאהאָלפענע, איז געזעסן און האָט זיך אליין אנגעקלאָגט, וואָס זי שטעלט זיך אַרויס אזוי נאריש פאר מענטשן. אייגנטלעך וויל זי דאָך קלאָר און פשוט אויסדריקן נאָר דעם פראָטעסט אירן, און פאַרוואָס קומט עס אַרויס מיטאמאָל אַזוי ווילד? הא? און דאָ האָט מען שוין געשפילט אזעס טויט. ליענאָטשקע איז געזעסן עפעס מיאוס אריבערגעבויגן איבערן קלאוויר. דער פריילן גנעסיע איז עס תיכף אופגעפאַלן, און זי האָט א טראכט געטאָן: פונדעסטוועגן לאכט מען נישט.

דער דאָקטאָר האָט געגלעט דעם פייפיאָל זיינעם, ווי א סאמעט, און ער האָט אויך, נישט ווי ס'איז אָנגענומען, צו געהאָפקעט צו איעדן טאקט, און דערביי האָט זיך זיין פנים געמינעט אין קרומע העויות אויך אזש צום לאכן. אָבער דערפאר, דערפאר איז ארויסגעקומען די מעלאָדיע זייערע באמת אזוי ריין און ווייך און דורכזיכטיק — — — — —

— — ווי, ווי. עס האָבן זיך איר באוויזן טרערן אין די אויגן. דאָס שפילן האָט איר ווי געטאָן, ווי געטאָן און די פריילן גנעסיע האָט געוויינט.

זי וויינט שוין, וואָרום באשיינפערלעך זעט מען, אַז עס שטארבט אַ מענטש דאָרטן אינם געזאנג, און ער ווייסט עס נישט. און קיינער זאָגט עס אים נישט. און אָט הערט זיך שוין יענע געלייטערטע שטילקייט, וואָס פארן טויט —— —— —— —— —— ווי, ווי.

— וואָס איז טויט, הער דאָקטאָר? און וואָס איז לעבן?...

דער דאָקטאָר קוקט אויף איר דורך אַ שפּעלטעלע פונם אויג. ער האָט מסתמא פאַרהערט איר פראַגע, אָדער ער לאַכט איר שוין ווידער אויס, וואָס זי וויל זיך אויספיינען. סוף כל סוף איז איר שוין אַלצאיינס. בעת מען שטייט אָט ביים עק־סטען ראַנד, וואו עס ענדיגט זיך די ערד און עס פאַנגט אָן דער הייליקער קריסטאַל - זיינען דאָ אַלע גליין. אָט איז זי אוועקגעגאַנגען, אַזוי, אַן איינגעבויגענע מיט אַן אַלכאָוון שטע־קעלע אין האַנט איבער די קריסטאַלענע פעלדער און עס האָט זיך פלוצלונג אָפּגעטאָן פון איר די ערד, ווי אַ שאָלעכטס.

זי האָט זיך אויסגעמישט אין דער העלער ריינקייט, אַזוי.---

און עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט צו שטאַרבן אויף דער וועלט.---

---

— — — קיינער האָט זיך נישט געזען אין דער ווייסער גאַס. פריילן גנעסיע איז אַראָפּ פונם גאַניקל. קאַשטאַנען האָבן דורכנאַכט אַרויסגעשאָסן די ראָזע לייכטערלעך, וואָס האָבן איצט געגליווערט אין שטאַרקער ליכט. דער הימל האָט בלוי געבלאַנקט אינגאַנצן אַדורכגעטרונקען פון דער זון. פריילן גנעסיע האָט שטיל-שטיל אוועקגעלאָנטערט מיט די ווייס־שוואַרצע פיס אירע אויף דעם אַרויפצו.

נאָר דאָ ביים טויער האָט זי זיך שוין תיכף אָפּגע־האַלטן.

עס איז געשטאַנען דער אָפּגעסערכעטער סאָלדאַט פויל אַזוי, און תמעוואַטע אַזוי און ער האָט געקוקט אויף איר. אונטערן הויט איז עפּעס מאָדנע קאַלט געוואָרן, נאָר זי האָט זיך נישט אומגעקוקט און איז אַראָפּ פונם טראָטואַר. דער סאָלדאַט איז צו איר צוגעגאַנגען גלאַט אַזוי. און מיטאַמאָל האָט ער זי אַ כאַפּ געגעבן אונטער די אָרעמס און אַ שלעפּ געטאָן אַ צעטומלטע אין הויף אַריין. פריילן גנעסיע האָט

ארויסגעלאָזן א קאלטן, ווילדן געשריי, ווי פון א קאטשקע:

ער האָט איר א צעפּאטלטע צוגעשלעפּט צו די קראָפּעווע קוסטעס, דערטן אין ווינקל הויף. און מיט דעם קראָפּעווע גענומען קאטעווען און שמייסן אויף דעם פּאַרקאטשערטן אונטערלייב.

עס האָט זיך שרעקלעך געצאפּלט אין זיינע הענט דער פּארמעטענער, צעקנייטשטער קערפּער מיט די אלטע פּאָדעש-קעס אויף די פיס, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין אומאָרדנונג, ווי לאַפּעטעס פון א שיפל. זי האָט ווילד געוואָיעט, אזוי הייזעריק פון ברוסט ארויס, ווי אין א טירוף.

ער — מיט שוים אויף די ליפּן — האָט נאָכאנאנד געריסן די קראָפּעווע און געפּליקט בלעטערווייז אויף איר לייב:

— דו פּארדארטער בוטשאן!... דו, אָפּגעקראָכענע מויז!

— באַלבע, דו!...

— פּארשטונקענער שטרויס פויגל!... טראַסטיאַ טוואָיא מאַטערי.

א צעשויבערטער איז ארויסגעלאָפן דער אלטער דאָקטאָר פון דער הינטער טיר. ער האָט דערזען די נאקעטע ליטקעס, וואָס האָבן זיך געצאפּלט פון די קוסטעס ארויס, און ער האָט זיך צוגעכאפּט א פארלוירענער צו די פענסטער און גענומען זעצן אין די שויבנראמען אריין:

— מישע! מישע!

דער סאָלדאט האָט איר אָפּגעלאָזן, אריינגעוואָרפן אין די קוסטעס אריין און מיט א געלעכטערל אזא א שוימיקן אויס-געדרייט זיך און אריבערגעשפּרונגען איבערן פּארקן. מישע איז ארויסגעלאָפן מיט א רעוואָלווער אין האַנט. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן גלייך נאָך אים אויפן פּארקאן ארויף. ער האָט אויס-געשאָסן. און עס האָט זיך דערהערט ווידער א זלידנער געלעכטערל פון יענער זייט הויף.

6

# אַ שונא, אַ שונא!

די אָרעמע ווייבער סטעסיע און גנעסיע האָט זיך געחלומט ביים סוף-נאַכט איין חלום: מען האָט זיי אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן. זיי זיינען אַראָפּגעקראָכן פון די לעזשאַנקעס איבער-געשראָקענע און נאַקעטע, ווי הינער אָן פעדערן, צוגעשאָקלט מיט די קעפּלעך און תּיכּף טאַקע גענומען אַרומבינדן און אַרומקניפּן זיך. זיי האָבן אַריינגענומען די שטעקעלעך אין די הענט און אַרויס פון שטיבעלע, — דער דיין זאָל זיי פּותר חלום זיין.

עס האָט געשאַרעט אויף טאָג.

ביי דער נידעריקער, שווערער טיר זיינען גרויסע שטערן געהאָנגען, אַז מען האָט זיי געקענט אָנרירן מיט די הענט.

סטעסיע און גנעסיע האָבן זיך אין דער טונקלעניש אַראָפּגעזעצט אָן כּחות אויף דער שוועל פון טהרה-שטיבל, זיי האָבן פאַרקאַשערט די פאַטשיילעס פון די אַלטע אויערלעך און זיך צוגעהאָרכט צו דער ווייטעניש. ערגעץ זיינען טאַקע גע-גאַנגען מחנות סאָלדאַטן פוס-טריט, טראָט ביי טראָט, טראָט ביי טראָט — —

הינטערן שטאָט אויף די קיילעכדיקע בערג זיינען זיי געשטאַנען פון באַגינען אָן די לעגיאָנערן פונם שונא. די

שווארץ-גרויע, שמאָלינקע און מיט רויטע בענדלעך ארומגעזוימט.

עס האָבען זיך געשאָטן קוילן קלינגעוודיק און בלוי, ווי א רעגן פון די וואָלקנס.

פון צווישן די בערג זיינען זיי אַהער אריינגעקראָכן, אָן אן אויפהער געפּלייצט אין שטארקע כוואליעס צום שטאָט, און דאָרט אריינגעצויגן געוואָרן אין שלונג פון די גאַסן.

עס האָט זיך עפּעס איבערגעקערט אונטער די פיס.

פונם טויער, וואו סהאָט זיך אמאָל ארויסגערוקט דער פּנירזיכטיגער קאָפּ, האָט צעקנאָדערט ארויסגעיאָגט א ריזיקער ייד מיט א קאָלטענעוואטער, פייערדיקער באָרד: ער האָט אוועקגעשפּרייזט איבער די גאסן, מאכנדיק מיט די הענט, ווי מיט צעבראָכענע פליגלען, און פינסטער געשריען צו די פּארהאקטע לאָדנס:

— אילומינאציע! יידן, כאיז א פּאָגראָם! אילומינאציע!

עס האָט זיך נאָר דערהערט א געוויין פון אינעווייניק אין די שטיבער, אָבער קיינער איז נישט ארויס צו אים. ער האָט אוועקגעפּאנט, שפּרייטנדיק מיט דער פייערדיקער באָרד, פון איין גאס אין דער אנדערער, ווי עס וואָלטן אים נישט אָנגערירט די קוילן, און זיין טויבער געשריי האָט זיך נאָך אלץ געטראָגן און געמאָנט פונדערווייטנס:

— אילומינאציע! יידן, וואָס שוויגט איר?! אילומינאציע!

עס זיינען ארויסגעריטן די רויטע רייטער בראש מיט אן אלטן אָפיציר, וואָס האָט עפּעס מאָדנע ארומגעשמעקט מיט די גרויע, דיקע וואָנצן אינדערלופטן. מיטאמאָל האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן גאלאָפּירנדיק אראָפּצו; די קעפּ פאָראויס צוגעבויגן צו די פארכעמזלטע פערד, און די רויטגרויע אונטערשלעק פון די יאנטלען פארקאשערט אין ווינט.

עך, א רוח אין דיין ! ! — —

סהאָט א גראנאט לאנג צאָפּגעזיפּצט און אריינגעפאלן אין טייכל. ער האָט אויפגעריסן און ארויסגעזשיפּעט אין וואסער פלוצלונג, ווי אן אויסגעשאָסענע ראקעטע.

דאָס הילצערן בריקל האָט זיך א הויב געטאָן און צעפלויגן געוואָרן אריבער די פעלדער.

מישע איז פארבייגעפלויגן אויף א דינעם פערד, ביים בריקל אָפּגעשטעלט זיך, אריבערגעשפרונגען דאָס וואסער און העט ווייט אהינטערן טייך אנגעיאָגט דעם רויטן טייל זיינעם: דאָרטן, וואו עס זיינען שוין געלעגן אין די טויערן די שמאָלע לעגיאָנערן. דער עסקאַדראָן האָט אדורכגעריסן די קייט פונם שונא, איבערגעלאָזן זיי אהינטער זיך און, אויסגעקירעוועט אויף לינקס, גענומען אריבערשפּרינגען אין גאלאָפּ די לעבעדיק-געפלאָכטענע פארקאנעס. און אזוי לאנג ארום מיט די פעלדער אריינגעיאָגט אין די שטויביקע בערג אריין.

אין שטאָט האָבן זיך געשלאָגן פיס-גייער.

זיי זיינען געלעגן אין די טויערן. שטיל געוויקלט פאפיראָסן. זיי האָבן שטיל געלאָדן די ביקסן און סתם אין גאס אריין געשאָסן, ווי פון לאנגווייליקייט.

און מיטאמאָל —

א פערד-געדראנג, שטויב, סאָלדאטנטריט, גאנג, און א שיסעריי א שרעקלעכע. און פלוצלונג ווידער א ווילדע שטילקייט פון אן אויגנבליק. ס'האָט געגרוילט. עס הויבט אָן שטעפּן נאָענט, נאָענט א קוילנוואָרפער: טאַק, טאַק, טאַק, טאַק, ווי מען וואָלט געשאָטן ערגעץ זאמד אויף א בלעך.

עס טוט זיך וויכטיקס אין די טויערן. שטילערהייט ווערט דאָרטן אָפּגעטאָן אן ענין, וואָס קיינער זאָל זיך צו דעם נישט צוקוקן.

א רעוואָלווער — א יונג הענדל, אן עזות-פנימל, האָט א קנאל געטאָן, אויסגעליידיקט זיך, ווי א קליין קינד אויף א טעפּעלע.

שטיל.

אין די נאקעטע גאַסן איז געוואָרן וויסט און ציכטיק. א הונט, אן אָפּגעקראָכענער, לויפט דורך, מיט דעם עק אונטער זיך, יאָגט, יאָגט לאנג אין איין ריכטונג, געטריבן פון ערגעץ וואו. עס דערטראָגט זיך פון ווייט א מאטער, פולער.

קיילעכדיקער קראַך, ווי אַרומגעוויקלט מיט וואטע און אַפּ-הילך א טויבער באגלייט אים איבער דער שטאָט.

די פענסטער האָבן אויפגעטרייסלט.

פיסגייער, ווי א סטאדע בהמות, מיט די ביקסן נאשפּיץ אין די הענט, זיינען אָנגעלאָפן פון אַראָפּצו אומגערירט, זיי האָבן זיך צעשאָטן איבערן מארק, די ביקסן האָבן זיך איבער געדעדט קורץ און רויכיק און פלעמלדיק מיט א געקלאפּעריי פון די ביקסשלעסלעך אין די הענט. און דער קוילנוואַרפער נאָענט, נאָענט האָט ווידער אָנגעהויבן! טאק, טאק, טאק, טאק... —

עך, בורזשואזיע, בורזשואזיע! — — — זי האָט אַרויסגע-שטעקט ערגעץ פון א בוידים איר וואסער-קאָפּ אריבערן דער שטאָט, זי האָט באוואויגן שווער מיט די וויעס און אויסגעשטשירבעט פארביטערט די ציינער פון אמעריקאנער גאָלד. און דעמאָלט צוריק אים פאַרזיכטיק און פאוואָליע אין בוידים ארייגעצויגן.

קוילנוואַרפערס האָבן געמאָלן, געמאָלן, געמאָלן.

דער אָפּגעסערבעטער סאָלדאט איז אראָפּ פון גאניק, ער האָט זיך צוגעהאָרכט און פאזע די הייזער אוועק צו די פעלדער, פון וואנען עס האָבן זיך געטראָגן די גראנאטן אין שטאָט אריין.

רעוואָלווערן האָבן געבילן, ווי קליינע הינט.

און קוילנוואַרפער האָבן פאַרזיכטיק יעפּיקט, געפּיקט, געקלאפּט און געשטעפּט היימיש. יי אויף א ניי מאשין.

— זאָל לעבן די רויטע ארמע!

## י

## ערשטע לבנה־נאַכט

אויף די קיילעכדיקע בערג הינטערן שטאָט זיינען געלעגן די נייע מתים, לאַנגע, מיט פאַרבויגענע קני און מיט אויסגעגלאָצטע אויגן צום הימל.

עס האָבן קאַלט געשטוינט די בערג אין דער לבנה און אמינדסט ווינטעלע.

אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי דאָס מידע ליכט רינט, רינט איבער די קאַלטע הרוגים.

עס האָבן געחלומט די פעלדער, ווי אויסגעהייליקטע אין דער ריינער שטילקייט.

דער אָפּגעסערכעטער סאָלדאַט איז ארומגעגאַנגען אויף די בערג, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, א פעטער שאָטן, איבער די דערהרגעטע, איבערגעקערט זיי, און פון זיינע הענט האָט זיך ווייך אַראָפּגעגאָסן די לבנה.

אין גראָז האָט זיך א דורכגעגליטשט א שלאַנג.
קיין שאָרך.
קיין ריר.
שטיל.
און שטילער.

דעמאָלט האָט זיך א טויטער פאָדים ארויפגעצויגן אויפן הימל, געקרייזלט זיך איבער פעלד און וואלד ווייס און שטיל.

ער האָט געשפּונען לאנג-לאנג און פאַרוועבט, ווי מיט א קילן פאסיקל טוי, די טונקעלע מתים אויפן פעלד.

דער אָפּגעסערכעטער סאָלדאט האָט זיך שווער אראָפּ-געזעצט אויף דעם אראָפּהאנג, ארומגענומען דעם בארג און געבליבן אזוי צו אים צוגעקלעפּט, ווי א יאשטשערקע צו א שטיין.

8

# מרדכי מאַרקוס, ווי אַ קינסטלער.

דאָס פּירקאַנטיקע שטיקל בליי איז איצט געהאָנגען ביים זייט פון דער תפיסה אדורכגעקעסטלט מיט אייזערנע שטאַבעס. עס איז געווען דאָס איינציק ווייכע אָרט אין די ווענט, וואוהין די אויגן האָבן זיך געצויגן אָפּצורוען פון דער טונקלעניש.

מרדכי מאַרקוס איז געזעסן אויף דער נאָרע מיט אַראָפּגעהאַנגענע באָרוועסע פיס, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט אונטער דער נאָרע, טראַכטנדיק. די גאַנצע תפיסה האָט פאַמעליך געטראַכט: עס איז וואויל דעם שטילן מענטשן, וואָס לעבט מיט דעם ריינעם זיין אינדערוועלט.

און מרדכי מאַרקוס האָט געשמייכלט מיט טרערן אין די אויגן פון אָט דעם טונקעלן גליק, וואָס איז צו אים אַזוי אומגעריכט אַראָפּגעקומען פון די קאַלטע, נאַקעטע ווענט.

– ברענג נישט אַרויס קיין געדאַנקען. זיי שטיל, ווי אַ וואַסער, וועסטו געניסן פון דעם קלאָרן זיין.

ער האָט אָנגעטאַפּט די קאַלטע ווענט פאָרזיכטיק, און געשמייכלט פונם געפיל, וואָס מען האָט אים איבערגעלאָזן אינגאַנצן אליין אין אָט די פיר ווענט מיט דעם קערפּער זיינעם:

פונם בלויען פענסטערל האָט אין דער טונקלעניש פון

תפיסה אריינגערינען א ריינקייט, ווי פון א פרישן ברונים. ער האָט איינגעזאפט אין זיך דאָס קילע בלוי און געטראכט, גע-טראכט: עס איז געווען א צושטאנד פון טראנס אָט יענער טאָג, ווען ער איז אָפּגעזעסן ביי די אָרעמעלייט און געפריי-דיקט פאר זיי אָרעמקייט: עס טרעפט, עס איז געווען א צו-שטאנד פון טראנס, וואָס וועט זיך שוין זיכער נישט צוריק-קערן, און איצט איז ער, מרדכי מא־קוס, שוין ווידער א פּראָסטער העברעאישער לערער, וואָס זיצט אומזיסט אין דער תפיסה:

– אָבער פארוואָס האָב איך אַזוי טרויעריק ליב אָט די מענטשן? און פארוואָס ווילט זיך מיר אזוי זיין, זיין גאָר-נישט נישט טוענדיק, ווי עס איז דאָ די לבנה אויף דער וועלט, כאָטש זי טוט אויך גאָרנישט?

– מסתמא איז דאָ אין אָטאדער וועלט נאָך א ווינקל אזא, וואָס מען פאלט אין אים אריין צופעליק און דעמאָלט איז מען באמת, אָבער קיינער ווייסט עס נישט:

– מיר, אָטאָדי, וואָס לאכן קיינמאָל נישט: מיר, ויאָס מיר שמייכלען האָבנדיק טרערן אין די אויגן, — וואו זיינען מיר עס געלייטערט געוואָרן? און פארוואָס קומט עס אונז אומזיסט אזויפיל גליק? און פארוואָס זאָלן מיר שטארק גע-ניסן פונם טרויער, בעת מאנכע גייען ארום פארשמאכט, ווילן זיך פייניקן און קענען נישט, און זיי פארדארבן, ווען זיי טוען גאָרנישט, הא?

ער איז אראָפּ פון נאָרע, צוגעשטעלט דאָס בענקל צום צוגעשמידטן טישל ביים וואנט און ארויפגעקראָכן, וואָס טוט זיך, אייגנטלעך, דאָרטן, אויף יענער זייט? –

עס איז געלעגן דער טייך סאמע ביי דער תפיסה, א בלויער, א בלוי-טרויעריקער, ווי ער, דער העברעאישער לערער, נאָר דאָרטן ווייטער האָט געגליט די געגנט אין דער זון: עס האָבן זיך געדויכערט די בערג ארום שטאָט, ארומ-געקלעפּט מיט שווארצגרויע סאָלדאטן צופוס און אויף פערד: א שטויב האָט זיך געקנוילט אויף די וועגן. וואו אמאָל האָט

עס אריס געטאָן די ערד, מענטשן דאָרטן זיינען פלוצלונג אומ-געפאלן, איבערגעקוליעט זיך, אקער געטאָן זיך אין זומפּ מיטן פנים ארויף און אין בלאָטע, און שוין פארבליבן אזוי. טעמפּע קלעפּ, ווי גרויסע כוואליעס, זיינען אומגעשוואומען. פון די בערג איז מען אראָפּ אין געדיכטע מחנות, פארפאלן געוואָרן אין קנויליקן שטויב אויף די וועגן און, דאכט זיך, שוין מער נישט ארויסגעקומען פון אים.

מרדכי מארקוס איז אויף גיך אראָפּ פון טישל אבאנג-מענער פון עפּעס וויכטיקס, וואָס איז אים פלוצלונג אָנגעשוואוּ-מען פאר די אויגן:

„אָ, עס זיצן און פייניגן זיך מענטשן לאנגע, לאנגע יאָרן און קענען נישט דערגיין דעם סוד פון דער וועלט. זיי זיצן ערגעץ אין דער פינסטער, קיינער רעדט צו קיינעם נישט און זיי ווארטן. פלוצלונג קומט עמיצער אָן און זאָגט: הערט, איר האָט נישט וואָס צו ווארטן. הערט, צדיקים, איר זייט אומזיסט געווען די לאנגע יאָרן צדיקים, — עס איז גאָרנישט נישטאָ.

ער האָט זיך שטארק דערפרייט פון דעם, מרדכי מארקוס.

— אָט דאָס הייסט שכר, אָט דאָס הייסט באלוינונג פאר צדקות!

און ער איז צוגעלאָפן צו דער נאָרע מיט א ווארעמער צאפּלעניש אין הארצן, ארויסגענומען פון צוקאָפּנס א העפט, צו וועלכער עס איז געווען אָנגעהאָנגען א בלייער אויף א שטריקעלע. ער האָט זיך שנעל אוועקגעזעצט צום טישעלע:

— עס איז גאָרנישט נישטאָ. איר, בטלנים איינע, אָ, איר, וואָס איר האָט אזוי לאנג געווארט!!

## „עס איז גאָרנישט נישטאָ“.

... אָט אזוי, שוין פון כמה יאָרן, זיצן זיי די אלטינקע בטלנים פערטייעטערהייט אין שולעכל און האָרכן, און שווייגן: אין טיפער טונקלעניש באוועגן זיך קוים די קורצע שאָטנדלעך: עס ליגט דער הימל אין די פענסטערלעך

שווער, ווי אַ בלייע שטיק אייז: ער אָטעמט קאַלט אריין אין די בערד און נעמט ארום מיט שרעק זייערע גלידער די אויס־געדייוועטע:

ווי, עס איז שווער דאָס ריידן און איבעריק, ווייל עס ליגן שוין די צונגען אין מויל טרוקן, ווי בלעטלעך ליים: אמאָל האָט דער שוויגער ר׳ ברכיה ביי דער גסיסה צוגעזאָגט: ער וועט קומען פון דאָרטן מודיע זיין, וואָס עס איז וואָר אין די וועלטן און וואָס עס איז פארבלענדעניש. זיצן זיי פאר־וואקסענע, מיט די קעפּעלעך אריינגעזעצט אין די פלייצעס, און זיי ווארטן אויף אים, אויף דעם אומעטיקן שליח.

קיינער קומט נישט.

פארביי פענסטערל פאלן אראָב שטערן — א צייכן, אז עס טוט זיך דאָך עפּעס וואָס ארום און עס איז נישט שטיין געבליבן דער גאנג פון די וועלטן.

עס האָבן זיך צעשאָקלט די קליינע צדיקימלעך מיט התלהבות, איטליכער אין זיין ווינקעלע, נישט געקוקט איינער אויף דעם אנדערן און געשטאַרקט זיך נישט ארויסצוריידן א וואָרט. אָבער, עס האָט נישט אויסגעהאלטן צום סוף, ר׳ גימ־פּעלע פון זשאמוט, ער האָט אָנגעהויבן שטילערהייט צו זיך ריידנדיק:

— אָ, איר זעט דאָך שוין לכתחילה דעם טעות. עס איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן דער חוש הראיה, — ער זעט די וועלט אין אירע פארבן, אָבער, ער ווייס נישט, אויב עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. עס איז אים געגעבן גע־וואָרן דער חוש השמיעה, — ער פארנעמט ארום זיך קלאנגען און נגונים, אָבער ער מיינט, אַז די וועלט אַליין איז א ניגון. ער האָט דעם חוש המשוש — באטאפּט ער זיך און באטאפּט די וועלט, ער פילט צווי וועלטן און האָט נישט קיין השגה פון ביידע. אצינדערט, אז ער האָט שוין די פינף חושים, איז ער טאקע תופס דעם סוד פון דער באשעפעניש אנדערש, אָבער צי דען איז עס די ריינע וועלט? הא, איז עס נישט פאר־בלענדעניש?

און עס ווערט שטיל אינם שולעכל: דער נר תמיד ברענט אין זיין גלעזערנעם עלמערל, ווי א נשמה. עס קומט אויס, ווי מען געפינט זיך אויף דער ריינער וועלט, וואו די שאלעכצן זיינען אפגעפאלן. נאר מיטאמאל שפרינגט אויף ר׳ שמעיה רייסענער פון זיין פינסטער ווינקעלע ארויס, און מיט די פויסטן אינדערהויך שרייט ער אויס מלא פארביטערונג;

— זעט, איך בין דאך נישט מסכים מיט די שארפע מוחות און איך זאג זיך אפ אינגאנצן פונם שכל מיינעם, עס ווערט געבארן א קיגד אן פערשטאנד: וואס באטייט עס? — עס באטייט, אז איך נעם אריין דעם שכל אויף אט דער וועלט. היינט ווי אזוי קאן איך מיט א כלי, וואס איז געמאכט גע- ווארן פון וואסער, שעפן וואסער?

און ר׳ בערעלע פון לונינעץ, וואס איז געלעגן מיטן קאפ אנגעשפארט אויפן שטענדער, וואס פין זיין אפענער ברוסט האט ארויסגעשלאגן די בלייכקייט פון פארן טויט, האט אויך אנגעהויבן זינגענדיק צו זיך, מיט פערמאכטע אויגן:

— א, איך בין דיך משיג, רבונו של עולם, מיט דער הויט און מיט די שפיצפינגער מיינע, נעם מיך אריין אין שטוב צו דיר און צי ארויס פון מיין לעבן די נשמה. ווי מען ציט ארויס א שפענדל א פערשטעכעכץ, צו וואס דארף איך באמת האבן די נשמה, רבונו של עולם?

און עס ווערט ווידער שטיל, אלע קוקן מיט צוגע- שלאסענע אויגן. עס איז אט א די שטילקייט, וואס האט אין זיך קיין אטעם נישט. נאר אט שלייכט ארויס פון הינטערן אויוון ר׳ אברהמל בעל תענית, א בארוועסער, א פארשלאפענער, די קאפאטע אויפן הוילן לייב פונאנדערגעשפילעט; ער שטעלט זיך אפ אנטקעגן ר׳ בערעלען, קוקט אויף דעם פארשמאכטן קאפ זיינעם, וואס ליגט אויפן שטענדער, און אויף דער נאז, וואס בלייכט פון דער פינכטער. ער שמייכלט אריין אינדעם בלאטיקער ציגנבערדעלע זיינעם, און קראצנדיק זיך פון פאר- געניגן זאגט ער.

בערעלע, איך וועל גארנישט נישט טאן אויף דער וועלט.

נישט טועגדיק בלייבן דאָך בוימער, נישט טוענדיק וואקסן דאָך קינדער, כ׳וועל זינגען, ווי א פייגעלע, און ס׳וועט מיר גוט זיין. כ׳וועל עסן, ווי א וואָראָנעלע און וועל זאט ווערן. פרנסני ככלב וכעורב. גאָטעניו! מיט א בגד איז מיר גוט און אָן א בגד איז מיר נאָך בעסער. מיט אן אשה איז מיר גוט און אָן אן אשה איז מיר אודאי גוט — — — גאָטעניו, גאָטעניו!

און ער גייט אזוי אוועק מיט א נאקעטן לייב איבערן פינסטערן שולעכל, רייבט די הענט פון פרייד און מיט טרערן אין די אויגן זינגט ער אויס זיין לויב-געזאנג צו דער וועלט. פארביי טיר גייט ער דורך און האָרכט זיך צו, אפשר וועט קומען דער, וואָס וועט אן ענד מאכן צו די ספקות עס ליגט אין פאָליש א שרעקלעכע שטילקייט. ר׳ אברהמל ווערט אנט־שוויגן און פאוואָליע נעמט ער זיך אָפרוקן צוריק צום הינטערן אויוועז צו. אין דער פינסטער הערט זיך, ווי עמעצער ווייגט ביטערלעך אין זיין ווינקעלע. עס איז פאר עמעצן, קלאָר גע־וואָרן מיטאמאָל, אז די פיין פון די קאלטע עולמות איז שוין צוגעשוואומען ביז צום לעצטן ברעג פון דער נשמה און קיין ענטפער איז נישטאָ. עס טוט א פאל א שטענדער אין דער ערד. ר׳ גימפעלע זשאמיטער שטייט אויף א פערציטערטער, פול מיט טירוף אין הארצן, ער שפרייט אויס די הענט:

— איך זאָג אייך אָן, מורי ורבותי, אז כ׳וועל שוין באלד אָנהייבן לעסטערן גאָט!

קיינער רירט זיך נישט. די אויגן איבערגעקערטע אויף אינעווייניק שטומען, און אזוי פארגליווערט ליגן זיי איטליכער אין זיין פינסטערניש, וואו ער איז. ר׳ גימפעלע זעצט זיך אראָפ פארחלשט, אָן כוחות עפעס צו טאָן, אָבער עס נאָגט אין אים נאָך אַלץ די בענקעניש: מער ווארטן, גאָטעניו, קאָן מען שוין נישט.

און עס דערהערט זיך א ווייכער קלאפן אין טיר. קוים קוים צו הערן קיינער רירט זיך נישט. מע קלאפט. זיי זיצן אָן אן אָטעם און קוקן צום טיר צו.

— עפנט!

און מיטאמאָל טוען זיי זיך א רייס ארויס פון די ווינ־קעלעך, לויפן אָן און אָטעם צום ארייַנגאַנג צו. דער נר־תּמיד אינם עלמערל צאנקט. זיי שטייען איינע אויף די אנדערע און קוקן, קוקן. שא, עס עפנט זיך פאמעלעך די טיר, די שווערע. ר׳ זכריה קומט אריין א פערשנייטער, אין א לאנגען פעלץ, און מיט א שטריק ארום די לענדן. ער האלט א לאמטערן אין האנט און קוקט מיט קאלטע אויגן אויף די צדיקימלעך.

ר׳ זכריה שווייגט.

און ר׳ אברהמ׳ל בעל־תענית, וואָס שטייט נעבן גיים דער ערשטער, הויבט אים אָן שלעפּן פאר אן ארבל:

— נו, זכריה?

און ר׳ זכריה ענטפערט:

— איך בין געקומען אייך זאָגן, ברידער: עס איז גאָרנישט נישטאָ.

— ווי?!

— עס איז דאָרטן גאָרנישט נישטאָ. קיינער האָט מיך נישט באגעגנט, נישט גאָט און נישט עמעצער, וואָס האָט אן אָנבליק אויף גאָט. איך בין געגאנגען אויף די פוסטע פעלדער פון איין וועלט אין דער אנדערער. כ׳האָב קיינעם נישט אָנגע־טראָפן, אומעטום איז וויסט און לעער. ברידער, איך זאָג אייך, עס איז שוין דעם לעבעדיקן א סך בעסער פאר דעם טויטן.

— זיי האָבן שוין מער נישט געפרעגט — — — —

איטלעכער האָט זיך שווייגעוודיק אומגעקערט צו זיך, אין זיין טונקעלן ווינקעלע. ער האָט דאָרטן אויף גיך צונויפגעפאקט דאָס פעקעלע ויינס און שטילערהייט ארויסגעגנבעט זיך פונם שולעכל.

און קיינמאָל, קיינמאָל האָבן זיי זיך שוין מער נישט געטראָפן, די צען פערשעמטע צדיקימלעך.

עס איז אים גרינגער געוואָרן, ווי א שווערע זלידנע פינסטערניש וואָלט ארויסגערונען פון דער נשמה. ער איז געשטאנען אין מיטן חדר מיט צוגעשלאָסענע אויגן און זיך

צוגעהערכט צו דעם, וואס עס ווערט נאך געטאן ביי אים אינעווייניק עס איז געווען, ווי מען וואלט אויפגעריירט אין אים א נעסט, וואס האט געדארפט פארגעסן און הינטערן טיר האבן זיך אפגערופן די געפרעסטע, שטייפע טריט פונם וועכטער.

עס איז שוין, ווייזט אויס, געווען שפעט אינאווונט.

אויבן, ביים זייט, אדורך דאס פירקאנטיקע שטיקל בלוי האט זיך פערקלערט ארייגעגאסן די לבנה, ווי א שטילער, הייכער געזאנג פון אן אנדער וועלט. ער איז ארויפגעקראכן אויפן טישל, אויפגעהויבן זיך און ארויסגעקוקט אדורכן פענסטערל:

עס האבן געשטוינט, דארטן ווייט, די בערג אין שיין פון דער לבנה און אמינדסט ווינטעלע. מתים מיט פערבויגענע קני זיינען אויף זיי געלעגן צעווארפן און עמיצער איז ארומגעגאנגען אויף די בערג, איבערגעקערט די הרוגים און זיי געטופעט מיט די פיס.

מרדכי מארקוס האט זיך פון דעם אפגעקערט, איז אראפגעקראכן פארזיכטיק פון טישל און איז עפעס ווידער פארטראכטערהייט קוים ארויף אויף דער נארע. עס האט זיך דער קאפ ביי אים אויסגעלייגט און ער האט אנגעהויבן קלערן, ווי דער שטייגער איז, ווי זיין שטייגער איז געווען.

און נאך לאנגע וואכן זיינען אריינגעקומען צו אים אין קאמער מענטשן עטלעכע, וואס האבן שוין געקוקט אויף אים פריינטלעך. מען האט אים ליב באקומען. און מרדכי מארקוס האט גענומען דאס פעקעלע אונטער ארים און איז געגאנגען. אין דעם נאקעטן, טונקל-באלויכטענעם קארידאר איז ער געבליבן שטיין האט ער, אייגנטלעך, נישט וואס צוטאן דארטן אין דער שטאט אין ער האט זיך אויסגעקירעוועט פאוואליע צו דעם ריכטער זיינעם, צו דעם גוטינקן פולינקן סטודענט:

— אין טורמע זיצן פרייוויליק קאן מען נישט!

— א, ניין:

— ניין?

און ביים טיר קערט ער זיך אום צום ריכטער נאָכ-אמאָל מיט א פנים פון א פערפאַלענעם. ער שטרעקט אים אויס די פולע, ווייכע, ווייסע האנט זיינע און ער זאָגט צו אים מיט א שמייכעלע:

— איר פערשטייט, עס איז געווען ביי מיר א צושטאנד פון טראנס, וואָס ווערט זיך שוין זיכער, זיכער נישט צוריק-קערן. אָבער איך האָב שוין ווידער דעם פאַרגעפּיל, אז זיי וועלן צו מיר קומען, זיי וועלן מוזן צו מיר קומען, די אָרעמעלייט, איר פערשטייט?

עס איז געווען אביסל צו שווער צום פערשטיין.

# מאסע

— — איז ארויסגעפלויגן א גרויער פויגל, זיך א צי געטאָן א מאָר מאָל נידעריק איבער די פעלדער און פינסטער אויסגעשריען. דערנאָך האָט ער זיך אומגעלומפערט אוועקגעלאָזן גישט צום הימל, נאָר ווייט, ווייט אריבער די לאָנקעס צו דעם עק מוטנעם פליין. דער געדרייטער, מאָגערער טייכל איז מיטאמאָל שטאר און בלוי געוואָרן, באלד וועט זיין א שטורעם. א וואָלקן, א ברוינער און א לאנגער, איז ארויסגעקראָכן פון דער זייט און מיט הייסע, אראָפּגעהאָנגענע שמאטעס געשארט פאמעלעך איבער די מאָגערע בוימער. פלוצלונג האָט א ווינט א ריס געטאָן דעם געגוט, ער האָט פארקאשערט די צווייגן פון די דעמבעס און צו די יונגע אָלכעס האָט ער זיך צוגעכאפט, צעדרייט זיי און צעבויגן ביז צו דער ערד. די כמארע, שוין א צעפאטלטע און א הייסע, האָט אָנגעהויבן ארומנעמען אלץ, ס׳האָבן זיך פון איר אָפּגעטיילט אָנגעלאָדענע שטיקער וואָלקן, אָפּגעשוואומען און פארקלעבט די קוסטעס, די גראָבנס און די לעכער פון די ברעגעס טייך. עס האָט זיך ארויסגעגאָסן א בליץ, קרום, מיט א שארפן קאנט. דער וואלד הינטן האָט זיך אויף אן אויגנבליק פונאנדערגעעפנט מיט א פייכטן, מוראדיקן שלונג, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט פאראיאָריקע בלעטער, מאָך און איבערגעקערטע בוימער. עס איז אין אים ארייגעפאלן א דונער און ער האָט זיך צוגע-

מאכט. דערנאָך האָט מען אים געפּירט, דעם דונער, א ברייטן, א געבוינדענעם ערגעץ אויף א שווערן וואָגן. גראָבע טראָפּנס האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען מיט א געקלאַפּעריי איבער די בלעטער. און עס האָט זיך אָנגעהויבן —

— — — — — — — — — — — — — —

דער פּראָלעטאַריאַט האָט צונויפגעשטייפט דעם רימען אַרום בויך און איז אכט אזייגער געגאַנגען אין שטאָט-טעאַטער. ער איז געקומען אין מאַסן. ער האָט דאָרטן פאַרנומען כוואַליעווייז דעם פּאַרטער, די לאָזשעס און די גאַלעריע ביז עס האָט שוין פאַרשמעקט דאָרטן מיט שטיוול, מיט לייב און מיט פעלץ. און ער האָט זיך צוגעגרייט האָרכן און האָרכן.

אויף דער בינע צווישן באַלויכטענע שווערע פאָרהאַנגען און רויטע טישן איז געשטאַנען א פינקלענדיק זילבערן גלעקעלע. נור א גלעקעלע.

און טיף אין זאַל איז געווען פינסטער.

דער פּראָלעטאַריאַט האָט שווער א קער געטאָן מיט זיינע טויזנט קעפּ, די צעוואָרפענע אונטן און אויבן, און ער האָט זיך צעשושקעט שווער, שווער ווי א ווינט וואָלט אַרומגעגאַנגען צווישן ביימער.

און זע, דער מאָגערער קליינבירגער איז אויך אריין. ער האָט זיך פאַרקליבן אין א ווינקעלע שטיל ווי גראָז און אַרויסגעפינטלט פון דאָרטן אין דער טונקלעניש מיט זיינע טשוועקלדיקע אויגן. און ס׳האָט זיך אויך אריינגעכאַפּט אינם געדרענג דאָס שוואַרצבערדלדיק לאַנג יידל, וואָס איז אַנומלטן געשטאַנען צוגעקלעפּט צו א וואַנט און עס איז געווען דעמאָלט אויף אים א רחמנות, וואָרום עס האָט דעמאָלט אויסגעדוכט, אז ער וועט שוין אזוי אָפּשטיין דעם גאַנצן לעבן זיינעם. און אַלץ איז אין דער פינסטער אַנטשוויגן געוואָרן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן מאַסע.

זי האָט געקוקט, די מאַסע, פאָרזיכטיק מיט די טויזנטער אויגן, טאָמער וויל מען איר עפּעס בייז טאָן, שלעכטס

טאָג. זי האָט געצאַפּלט מיט אירע מענטשן אין די קאָרידאָרן פון שטאָט-טעאַטער און די הענט אירע, די לאַנגע און האָ-ריקע, וואָס האָבן שוין געציטערט, האָבן זיך דערווייל געשצע-מעט אָן די באַריערן. דאָס שווארצבערדלדיק יידל איז געזעסן ערגעץ בלייך מיט אשרעק אין די קני, ווי איינער, וואָס דערפילט פּלוצלונג דעם טויט, נאָר ער האָט שוין נישט געקאָנט א ריר טאָן מיט א גליד דאָרטן אין דער פינסטער.

שטיל, און שטיל.

די מאַסע האָט אויף זיך געקראָגן צוליב עפּעס, א רחמנות א זיסן. זי האָט געוואָלט וויינען אויף אירע לייד. און קעפּ האָבן זיך שוין טאַקע אראָפּגעבויגן. און מאַנכע האָבן שוין אפילו געהאַט טרערן אין די אויגן. נאָר זי האָט זיך אומגע-ריכט דערפילט טיף גליקלעך און עס אויסגעלאָזן ערגעץ הויך, אויבן אויפן גאַלעריע מיט א געלעכטער גאָר.

— העי דו, חבר, וואָס לאַכסטו?... וואָס איז דער גע-לעכטער?

האָט זי זיך דערמאָלט ווילד אויפגעבראַכט. געטופּעט מיט די פיס. און עס איז שוין געזעסן אין אירע אויגן טירוף און בלוטדורשטיקייט. מען האָט איר אָפּגענאַרט און זי זוכט נקמה. עס האָבן א בלאַנק געטאָן די ווייסלען, ווי איבערגעוואָרפענע גוטע שטיינער אין דער פינסטער. נאָר. נאָר זי האָט זיך שוין בערואיקט גלייך די מאַסע. זי האָט נאַריש אויפן שטעל גע-שמייכלט, ווי א תם וואָס פאַרשטייט גאָרנישט.

אויפן בינע דיינען ארויף חברים. די מאַסע האָט שטרענג געקוקט. און באַקוקט חברים אין לעדערנע קורטקעס. אין שטיוול, בערד. מישע אין דער פולער קאַוואַלערישער אוניפאָרם האָט זיך אוועקגעזעצט סאַמע ביים גלעקל. ער האָט אומרואיק באַקוקט די איבעריקע, וואָס האָבן זיך לאַנגזאַם אויסגעזעצט אויף די טישן, אויף די בענק. וואָס זיי האָבן פאַרלייגט א פוס אויף א פוס און מיט קאַלטע שמייכלען אויף די ליפּן שאַרף עפּעס אריינגעקוקט אין דער טונקלעניש, וואו ס׳איז געזעסן

זי, די מאַסע. און ס'איז געוואָרן שטילער, שטילער און מאָדנע אימהדיק.

מישע האָט זיך אויפגעהויבן, גראָד און שטייף. מיט אַ בלייך באַלויכטענעם פּנים אריבערגעבויגן זיך צו איר, צו דער מאַסע און ער האָט אָנגעהויבן. ער האָט גערעט צו איר:

— דו, מאַסע — —

ער האָט גערעט אָפּגעהאַקט מיט עפּעס אַזוינע ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעפלויגן פון אים אומגעריכט, ווי שטיקלעך שטאָל. אַזוי ווי אַ רעוואָלווער וואָלט געשאָסן. די מאַסע האָט עס איבערגעכאַפּט, אַראָפּגעלאָזן די טשופּרינע די טויזנטפּאַכיקע, און זי איז געזעסן זי, די מאַסע, ווי אַ שעפּס.

אָ, זי האָט פאַר אים מיטאַמאָל אָפּשיי געקראָגן. טאָמער וועט ער זיך בייזערן, מישע. און מישע האָט זיך געבייזערט, נאָר נישט אויף איר, די קעלערדיקע און די האָרעפּאַשנע. איר האָט ער אויפגעפאָדערט:

— דו ווערסט אויפגעפאָדערט, מאַסע! — —

און זי האָט אים געהאָרכט מיט אַלע אירע האָריקע, האַרטע אויערן. זי, וואָס איז געלעגן צונויפגעקנוילט, ווי ווערים אין אַ קאָרע. ס'האָט אַרויסגעשריען דאָס פּויערל, וואָס איז געקומען אין שטאָט צום ראַט פון די דעפּוטאַטן, נאָר די מאַסע האָט אים איינגעשלונגען און ער איז אין איר פאַרפאַלן געוואָרן אין דער טונקלעניש. קורצע שטערנדלעך האָבן זיך אָפּגעגאָסן מיט שוויס און אויגן, אויגן זיינען אַרומגעקראָכן, ווי גלי־ווערים אין אַ וואַלד.

מישע איז אַנטשוויגן געוואָרן. פּלוצלונג. ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעזעצט. די מאַסע האָט אַרויסגערעוועט טעמפּ און פון אַרום, ווי די געשרייען וואָלטן זיך אָפּגעריסן פון די ווענט. די מאַסע האָט אַרויסגערעוועט פון אַלע אירע מיילער און די הענט אירע האָבן זיך אונטן צונויפגעפלאָנטערט אָן אָן אויפהער און מיט אַ פרייד אַזוי געקלונגען, געהילכט פון דער פינסטער:

— רעוואָלוציע, רעוואָלוציע!

און שטיל.

צום טיש מיט געמאָסטענע טריטעלעך איז צוגעגאנגען דער נידעריקער רעדנער אין די גרויסע געראַמלטע ברילן. ער האָט שוין אמאָל ביינאכט אויפן פאראד־פלאץ עפּעס שטארק באפוילן די מאסע. דער חבר ר. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט קאלט, א הויב געטאָן דעם גלאט ארומגעראזירטן פנים און די הענט פארלייגט אויפן ברוסט. דער חבר ר. האָט אָפּגעווארט. אדורך די ברילן האָבן זיך ארויסגעזען זיינע שווערע שווארצאַפּלען, ווי בלויער אייז. ער האָט געווארט און דאָרט אין דער פינסטער איז איבערגעגאנגען אזא דינע, איידעלע קעלט. די מאסע איז העשעדיק אנטשוויגן געוואָרן.

— חבר, הער וואָס דו ענטפערסט דער בורזשואזיע!

און ער האָט אָפּגעווארט.

— חבר, דו זאָגסט: איך שטיי מיט א מעסער אין האנט און דו שטייסט מיט א מעסער אין האנט. עס איז קלאסנקאמפף! נאָר דו ביסט פון ביילק־פלייש און איך בין פון זאָדיק־פלייש, אָבער זע, מיינע וועט נעמען. בורזשואזיע, דו ביסט ארום און ארום, ווי א גנב ביינאכט און איך קום דיר אנטקעגן. איך שטעל דיר אויס מיין ברוסט: שלאָג! — ווילסטו נישט. פארוואָס ווילסטו נישט?

זע, דו האָסט ווייכע הענט און מיינע זיינען הארטע און האָריקע, דערפאר האָסטו א פליך אויפן קאָפּ און איך כרג א פאטליע האָר. דו ביסט א גענעראל און איך בין א יון. דו גייסט אויף מלחמה און איך שטארב. דו ליבסט און איך בין אייפערזיכטיק. דו עסט און איך באצאָל, — וויל איך נישט! איצט איז קלאסנקאמפף! איך שטיי מיט א מעסער אין האנט און דו שטייסט מיט א מעסער אין האנט.

און ער האָט אויפגעהערט, אנטשוויגן געוואָרן פארגליווערט, און ער איז פשוט אזוי געשטאנען ווי ער איז געשטאנען. דאָרט אין דער פינסטער האָט עס אויסגעזען, ווי א פייכטע הייל, וואו עס ווערט אריינגעשריבן מיט פּאָספּאָר אותיות אן אינהאלט, וואָס דארף פאראייביקט ווערן. עס האָט

דאָרטן געשטיקט. מען האָט צונויפגענומען אויף די קני פויסטן, ווי שטיינער, אינם בלוט איז ארומגעגאנגען א טונקעלער זוד. חייל עמיצער מיט לאנגע, בלויע פיגגער האָט געזוכט און געשטיקט פאר די טויזנט האָריקע העלזער פון דער מאסע. און זי האָט פארשצירעט די טעמפּע ציין און געשוויגן.

— דו זאָגסטו ווער ביסטו, בורזשואזיע, וואָס דו מיינסט, אז דו ביסט גלייך מיט מיר? איך האָב אויסגעפונען די טייכן. איך האָב געבויט די שטעט. איך האָב געמויערט פאבריקן. איך האָב אויסגעלייגט וועגן. איך האָב איבערגעוואָרפן בריקן. איך האָב אַרויסגעשיקט צוגן. איך בין געשוואומען אויף די ימען. איך האָב געגראָבן אין דער ערד. איך האָב געאקערט, געפלאנצט, געזייט, געיעט און דו? — ווער ביסטו, וואָס דו מיינסט, אז דו ביסט גלייך מיט מיר. נאָר זע, וואָס איך האָב געבויט — האָסטו געהיט, וואָס איך האָב געבראכט — האָסטו געקליבן, וואָס איך האָב געארבעט האָסטו צוגענומען, — וויל איך נישט, איצט איז קלאסנקאמפף! איך שטיי מיט א מעסער אין האנט און דו שטייסט מיט א מעסער אין האנט.

און דעמאָלט פון צווישן די שטולן האָט זיך געלאסן ארויסגעהויבן א הארטע, שווערע האנט, דאָרט אין יענעם אָרט, וואו ס'איז געזעסן דאָס שווארצבערדלדיק דאר יידל. קיינער האָט עס נישט געזען. זי האָט פאַרזיכטיק א נעם געטאָן דאָס דארע יידל פארן לאנגן העלזעלע פון הינטן און ארויפגעדריקט אים לאנגזאם, לאנגזאם אונטער די שטולן. קוים און פּאוואָלינקע האָט זי אים דאָרטן ארומגעכאפּט פארן העלזל איינגאנצען און צוגעדריקט שטארק מיטן נאָז צום דיל. און די אויגן פון דער מאסע זיינען געווען אָנגעהאָנגען אויף דער באלויכטענער בינע. דאָס יידעלע האָט דערווייל ארויסגעשטעקט דעם צונג, וואָס איז געווען גראָד הארט, ווי א ברעטעלע. און ער האָט זיך אויסגעצויגן מיט די געשטעקלטע פיס זיינע אונטער די שטולן. די האנט האָט זיך דעמאָלט צוריק געלאסן אויפגעהויבן. זי האָט זיך אוועקגלייגט א שווערע אויפן באריער און א ביסל צוגעציטערט.

— דו מאסע! ווער איז ארויס אין מדבר בויען די פיראמידן? ווער האָט אויסגעטריקנט די זומפּן פון בבל? ווער האָט געפירט פאניבאל אויף רוים? ווער, האָט אויסגעבויט לאָנדאָן? פאריז? בערלין? מאָסקווע? ווער איז געגאנגען מיט נאפּאָלעאָנען איינעמען די וועלט? ווער האָט ארומגעצוימט רוסלאנד? ווער האָט אויסגעטראָטן אירע וועגן? ווער האָט איר געכאָליעט די מאמע, די טייערע? — איך! און איצט וויל איך נישט. איצט איז קלאסנקאמפף! איך שטיי מיט א מעסער אין האנט און די שטייסט מיט א מעסער אין האנט.

און ער איז אראָפּ מיט זיינע קאלטע, געמאָסטענע טריטעלעך. און דאָרטן אין זאל האָט עס געשוויגן, ווי אין א ברונים.

10

# געסט, געשפּרעכן, געוויין א. אז. וו.

מרדכי מארקוס איז געזעסן ביים פענסטערל שטיל, ווי א טויב. מרדכי מארקוס איז געזעסן אָנגעלענט אויפן עלנ-בויגן און ער האָט נישט געטראכט. די געדאנקען, וואָס זיינען געווען פלוצלונג אָנגעקומען מיט חדשים צוריק, ווי שטאפּעטן פון דער נשמה זיינער און וואָס זיי האָבן אָנגעזאָגט: עס האָט מיט איר עפּעס פּאסירט, — זיי זיינען נישט פאַרהאַלטן גע-וואָרן. איצט דאַרף זי זיך, די נשמה זיינע, אליין באווייזן. אָבער עס איז שטיל ביי אים אינעווייניק. עס איז דאָרטן שטיל, ווי אין א הויז, וואָס מען האָט זיך פון אים שוין לאַנג ארויסגעקליבן.

אָ, וואָס איז עס?

עס שלעפערט אים. בכלל האָט ער זיך דאָ אָפּגעשטעלט ביי אזא אָרט, וואו מען דאַרף זיך, דאכט זיך, צונויפנעמען און מיטאמאָל שטארק אריבערגיין, זיסט וועט ער, מרדכי מארקוס, גאָר אומקומען.

— און וואָס טוט זיך עפּעס אויף דער וועלט? — פרעגט דער פארשלאָפענער מרדכי מארקוס.

— מסתמא גאָרנישט.

— אודאי — —

ער האָט זיך אומגעקוקט.

אויף די טרעפּ האָט מען הויך און שטיפעריש געלאכט.

עס האָבן זיך געבויגן די אַלטע הילצערנע טרעפּ פון טריט, וואָס האָבן, ווייזט אויס, איבערגעכאַפּט עטלעכע שטאַפּלען צו־זאַמען. מרדכי מארקוס האָט זיך אויפגעהויבן. די טיר האָט זיך פונאַנדערגעעפנט מיט אַ קנאַל און עס איז אַריינגעלאָפן דאָס יונג מיידל, די פולינקע און קיילעכדיקע, די אייגענע, וואָס האָט זיך געפונען ביי די ביטשקאָווסקיס אין הויז, ווען פריילן גנעסיע האָט דאָרט געמאַכט איר באַזוך. אַ בוקעט בעז אין האַנט. מישע האָט זיך באַוויזן נאָך איר, רואיק און שמייכלענדיק. און מרדכי מארקוס איז געשטאַנען אין מיט שטוב פאַרשעמט און צעטראָגן, האָט זיך אַרומגעקוקט אויפן צימערל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ שפּינגעוועב פאַר פליגן. ער האָט געשמייכלט. דאָס לאַכעדיקע מיידל איז שוין צוגע־לאָפן און האָט אים אויסגעשטרעקט איר קליינע, ווייכע האַנט:

— כ'הייס סאָניע. שוין אַ סך געהערט פון אייך — —

זי האָט אים ליבלעך אָפּגעשטופּט, מארקוסן. זי איז צו־געלאָפן טאַנצנדיק צו די פענסטערלעך, געעפנט זיי און אָפּ־געבלאָזן מיטן מיילכל דעם שטויב פון די שטידלען:

— האָט איר נישט אַ קריגעלע? אַ קליין קריגעלע?

ער האָט גלייך געשמייכלט. ער האָט געצוקט פאַר איר מיט די אַקסלען.

זי האָט אויסגעפונען אַ טעפּל אַ ליימענעם אין ווינקעלע, אָנגעגאָסן אים ביים עמער וואַסער און אַוועקגעשטעלט אַזוי דעם טונקל־בלוטיקן בעז אויפן טישל.

מישע האָט באַטראַכט דאָס בוידימל, געשפּרייזט איבערן צימער און איז געווען צופרידן זעענדיק, ווי מארקוס איז צעטראָגן געוואָרן פון זיינע געסט. ער איז צוגעגאַנגען צום טישל, וואו ס'איז געלעגן אָפן אַ ספרל און אַריבערגעבויגן זיך איבער אים:

— איוב? אַזוי, דער תנ"ך איוב? — האָט ער זיך אויסגעקירעוועט צו מארקוסן.

— יאָ, האָט מארקוס ווי נישט פאַרשטאַנען.

און מישע האָט צוגעטראָגן דאָס תנ"כל נענטער פאַר

די אויגן. ער האָט גענומען פּרובן זיינע אמאָליקע קענטעניש׃
המ... זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן פונוויטנס און זיי האָבן איהם נישט דערקענט, האָבן זיי אויפגעהויבן זייער שטים און געוויינט. און זיי האָבן צעריסן יעדער מאן זיין מאנטל און זיי האָבן געוואָרפן אש אויף זייער קאָפּ צום הימל. און זיי זיינען געזעסן מיט אים אויף דער ערד זיבן טעג און זיבן נעכט און קיינער האָט נישט גערעדט צו אים קיין וואָרט, מחמת זיי האָבן געזען, אז דער ווייטיק איז זייער גרויס" — זעסטו, האָב איך נאָך, הייסט עס, נישט פערגעסן?
און סאָניע האָט זיך פונאנדערגעלאכט.

— אָבער, אָבער ס׳איז דאָך איצט עפּעס א רעוואָלוציע אויף דער וועלט?
— נו יאָ, מען זאָגט: עס איז א רעוואָלוציע — —
— מען זאָגט, וואָס הייסט, מען זאָגט, און דו ווייסט עס גאָרנישט?
האָט מישע אויף אים א קוק געטאָן מיט זיינע שטארקע, שווארצע אויגן.
מארקוס איז אביסל רויט געוואָרן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט. סאָניעטשקע, וואָס האָט שוין געהאט צוגעקליבן דאָס גאנצע צימערל איז צוגעגאנגען און האָט זיך אראָפּגע־זעצט צו מישען אויף די קני, זי האָט אים ארומגענומען, געוויגט זיך אויף אים און שטיל־שאלקהאפטיק א פרעג געטאָן ביי מארקוסן:
— איר האָט אמאָל ליב געהאט, מארקוס?
ער האָט אויף איר אויפגעהויבן דעם בליק ערנסט און געענטפערט:
— ניין.
— ג אָ ר נישט?
— ניין.
— וועל איך צונעמען ביי אייך דעם בעז...
איז זי צוריק אראָפּגעשפרונגען מיט א געלעכטער, האָט

דורכגעטאַנצט דאָס צימערל און איז צוגעגאַנגען נישט צום בעט, נאָר צום פענסטערל און אַרויסגעקוקט אויף די ביידע שמאָלינקע געסלעך, וואָס האָבן זיך דאָרטן אונטן געקרייצט.

— כ׳ווייס נישט, מישע. איך פאַרשטיי דאָ גאָרנישט. (אַזוי האָט זיך צעוואָרעמט מאַרקוס). מיך אינטערעסירט עס עפּעס לחלוטין נישט. כ׳וועל פּרובן אָפּוואַרטן. און מיר דוכט, אַז כ׳בין שוין דאָ איבערהויפּט אַן איבעריקער מענטש. וועל איך זען. פאַרוואָס זאָל איך עפּעס פאַרנעמען אייערן אַ פרעמד אָרט?

און זיי האָבן געשוויגן.

ער האָט זיך פלוצלונג, ווי איבערגעביטן און ער האָט זיך צוגערוקט צו מישען:

— ווייסט?! מיר געפעלט אָט אַזוי. מיר געפעלט אַזאַ, וואָס ליגט ערגעץ הינטערן אויוון און טוט גאָרנישט און דאַרף גאָרנישט. דו האָסט מיך אפשר באַדויערט, ווען דו האָסט מיך געפונען אין אָט דעם בוידימל? דו האָסט געקלערט: אַן עלנטער מענטש, מאַרקוס. אָבער... אָבער איך האָב עס ליב. דו ווייסט נישט, ווי איך האָב ליב, נו... זאָל זיין דעם אומעט פאַר וועמען איך געפין זיך כסדר גערעכט. און אפשר דאַרף מען מיר גאָר מקנא זיין, מישע, ווייל איך בין אפשר דער גליקלעכסטער דאָ אין שטאָט. דו שמייכלסט?

— ניין, איך שמייכל נישט.

איך גיב אָפּ דער בורזשואַזיע מיין גאַנץ אייגנס, אָדער — דעם פּראָלעטאַריאַט. וואָס האָב איך פון מיין אייגנס? דו ווייסט נישט, ווי עס איז גוט צו זיין אַן אָרעמאַן און צו גיין איבער די הייזער.

ביידע האָבן געשוויגן.

— ווען איך בין געווען נאָך אַ קליין קינד — געדענק איך — בין איך נאָכגעגאַנגען די אָרעמעלייט. כ׳האָב אָנגעקוואָלן פון די ליידיקע טאָרבעס, פון די צעקאָדערטע קאַפּטנס זייערע און כ׳האָב געטראַכט: כ׳וועל גרויס ווערן, וועל איך אומבאַדינגט גיין איבער די הייזער. דו ווייסט?! — ווייל אַן

אָרעמאַן שטרייכט נישט אַזוי פֿול אונטער דעם מענטש. ער איז נישט פֿאַראינטערעסירט עס זאָל זיין אַ מענטש אויף דער וועלט.

— נו, און דער סוף?

— דו מיינסט. זעלבסטמאָרד? — ניין, טויזנט מאָל ניין. ווי אַזוי קומט עס צו דיר אויף דעם געדאַנק? כ׳האָב ליב און אַזוי ליב דאָס לעבן מיט די אַלע אָדערן מיינע. איך האָב ליב די וועלט אָט, ווי אַ קאַלב. און דעריבער, מישע, דאַרף איך גאָרנישט. דעריבער פֿערשפּעטיק איך קיינמאָל נישט. און דעריבער זיץ איך דאָ און ציטער איבער זיך, ווי איבער אַ וואַזע אַזאַ אָן איידעלע זי זאָל נישט צעבראָכן ווערן.

סאָניעטשקע האָט זיך עס אָפּגערופֿן פֿונם פֿענסטערל, סתּם אַזוי:

אָבער איר׳ט געזאָגט, אַז איר האָט קיינעם נישט ליב?

מרדכי האָט זיך אויסגעקירעוועט דעמאָלט צו איר, צונ׳ם פֿענסטערל. זי איז דאָרטן געלעגן אַריבערגעבויגן צום גאַס און געמאַכט צו אים מיט די פּיס. מרדכי מאַרקוס האָט זיך רואיק אויפֿגעהויבן. ער איז רואיק צוגעגאַנגען צום פּאָליטשקע ביכער. דאָרט האָט ער אַראָפּגענומען אַ שטויביק שוואַרצגע-בונדן ספֿר׳ל׳ אויפֿגעבלעטערט אין אים און אָנגעהויבן פּעט און קורצזיכטיק לייענען. סאָניעטשקע האָט עפּעס געקוקט אויף אים מיט אַ מאָדנער נייגעריגקייט:

„זע, דיין מוטער און די ברידער דיינע שטייען אין דרויסן און ווילן מיט דיר ריידן. ער האָט אָבער געגעבן אַן ענטפֿער צו דעם, וואָס האָט אים געזאָגט: ווער איז מיין מוטער און ווער זיינען די ברידער מיינע? און ער האָט באַוויזן מיט זיין האַנט אויף די תּלמידים זיינע און געזאָגט: אָט איז מיין מוטער און די ברידער מיינע". אָבער איר ווייסט — האָט ער צוגעגעבן, ווי צו ביידן — איר ווייסט, ער האָט אויך אַ טעות געהאַט. עס איז פֿאַראַן איין גרויסע ליבע צום זיין, צו דער

וועלט, א גרויזאמע ליבע, וואָס צעשמעטערט דעם מענטשן. און ווער עס איז איינמאָל אומגעריכט געקומען צו דעם — דער קאָן שוין נישט ליב האָבן קיינעם נישט.

---

— מאָדנע מענטשן זייט איר, האָט געזאָגט מישע, איר רעט און כ'פערשטיי גאָרנישט. האלסט, אז דו ביסט דער גליק־לעכסטער מענטש, ווילסט גיין איבער די הייזער און קאָנסט נישט. מיין טאטע איז אויך גליקלעך. ער האָט א פייפיאָל. ביי־נאכט זיצט ער ביי זיך אין אונטערהייזן און שפילט פאר א ליכטל ביז עס הייבט אָן צו טאָגן... כ'פארשטיי נישט, וואָס עס קומט דאָ פאָר ביי אייך... דו האָסט גערעט צו מיר, מארקוס, און איך האָב נישט פערשטאנען.

און דו, וואָס זאָגסטו? — האָט מארקוס געפרעגט פאר־שעמט.

איך?

— יאָ.

— כ'האָב זיך קיינמאָל נישט פערטראכט אויף דעם, אז ב'וועל אויך דארפן עפעס זאָגן... כ'טו. כ'ראם דאָס פערד. מען הייסט מיר, געהאָרך איך, האָט ער זיך אויסגעדרייט.

— מישע, הא? מישע ?!.

פון דרויסן האָט עמיצער ארויפגעשריען צום פענסטערל. סאָניעטשקע איז צוגעלאָפן, אראָפגעקוקט צום געסל צו, עס זיינען דאָרטן אָנגעקומען ליענאָטשקע מיט דעם נידעריקן חבר ר'. ער, אינם ווייכן היטל און אין די האָרנברילן איז גע־שטאנען איינגעבויגן, נישט אין שטימונג, האָט געוויכערט פון אן ענגלישער ליולקע און ער האָט דעם לאנגן האלז ארויפ־געצויגן צום בוידימל.

— א, דער חבר ר'.

מישע איז צוגעגאנגען צום פענסטערל. ער האָט אים לאכנדיק פארבעטן ארויף אויפן בוידימל. האָט אים דערביי־

אָנגעוויזן אָט אהין די ריכטונג צום גיין. דער חבר ר׳ איז שמייכלענדיק אוועק פאָראויס, באווייזנדיק דעם וועג ליענאָטשקען.

און מיט קליינע, גריילעך שטייפע טריטעלעך איז ער אריין און פון איבער די ברילן אהויב געטאָן זיינע קאלט בלויע שווארצאפלען אויף מארקוסן:

— א חבר? — ער האָט אויסגעשטרעקט מארקוסן די האנט.

— ניין.

— ווער?

— מיין פריינד. גראָד א קאָנטר-רעוואָלוציאָנער.

— נו?

האָט זיך חבר ר׳ אוועקגעזעצט ביים טישל מיט דער ליוולקע אין מויל.

— ער, דער קאָנטר-רעוואָלוציאָנער האָט שוין אָפגערעדט. און איצט פרעגט ער, וואָס זאָגן מיר. אונזער „מעטאָפיזיק"?— האָט זיך מישע האלב-געוויצלט.

— המ... האָט איר דאָ נישט א גלאָז וואסער?

סאָניעטשקע האָט אים צוגעטראָגן וואסער. ער האָט אויס-געטרונקען מיט איין שלונג, האָט באקוקט מיט א מאָדנער נייגעריקייט דאָס שטיבל ארום און ער האָט זיך אויפגעהויבן:

יאָ, מיר גייען?

און מארקוס האָט זיך דערפילט עפעס צו גרויס פארן צימער. ער האָט זיך אומגעלומפערט ארומגעבלאָנקעט צווישן זיי, און זיי האָבן זיך דאכט זיך, מיט אים געזעגנט. דער חבר ר. איז געבליבן שטיין אנטקעגן מארקוסן, האָט אים אָפּ-געמאָסטן און אויסגעצויגן צו אים א הארטע, דארע, לאנגע האנט:

— און מיר, חבר, זיינען נאָר... נאָר רעוואָלוציאָנערן—

האָט זיך זייער פריינדלעך געזעגנט, מרדכי מארקוס איז געבליבן שטיין אינעווייניק ביים טיר א פארחושטער. ער האָט אומבאוואוסט איבערגעשפאצירט עטלעכע מאָל איבער דער

שטוב. און איז געבליבן שוין אזוי א פערטערכטער, א פער־טראכטער שטיין ביים טישל.

פאוואָליע האָט ער זיך איבערגעבויגן און ארייננגעשטעקט דעם קאָפּ אינם בלוטיקן בעז. פלוצלונג האָט ער זיך פאנאנ־דערגעוויינט. עס איז אים געווען וויסט און פינסטער. און אָט דער מינוט האָט ער נישט געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן. אויב אזוי לוינט דאָך אים נישט בכלל ארומצושלעפן זיך אָט אָ דאָ אומנישט. און נישט וויסנדיק גאָרנישט. און נישט וויסנדיק וואָס ער טוט, איז ער צוגעגאנגען צום וואנט און אָנגעצינדן דאָס קליין פאררויכערט לעמפל, וואָס איז א גרויעס געשטאנען אויפן פּאָליטשקע פערוויקלט אין שפינגעוועב.

דרויסן האָט שוין געשאריעט אויף נאכט.

מרדכי האָט אויפגעבלעטערט דאָס תנ״כל איוב. אין דער צווייטער האנט האָט ער אריינגענומען דאָס לעמפל און איז מיט שטילע, פּאָרזיכטיקע טריט ארויס פונם שטיבל.

זיין פנים איז געווען אויסגעגעצט פון טרערן און שטארק בלייך. עס איז אים געווען, ווי ער וואָלט עס איצט געגאנגען קלאָגן אויפן חורבן פון דער וועלט.

דאָס שמאָלע, טונקעלע געסל איז געלעגן א ליידיקס און א נאקעטס.

ער איז אראָפּ פון לאווע, אויפגעהויבן דאָס לעמפל אין דער הויך אויף א הייזעריקער [שטים טיף־וויינענדיק געגומען זאָגן פונם תנ״כל ארויס.

תחילת האָט ער זיך איבערגעשראָקן פאר דעם, וואָס ער טוט, נאָר עס זיינען אים מיט אמאָל פון ערגעץ אָנגעקומען כחות און ער האָט אזוי אוועק געשפּאנט זינגענדיק און קלאָגנדיק, ער האָט געהאלטן פערוואָרפן דעם קאָפּ, געשפּרייט די הענט מיט דעם פאררויכערטן לעמפל צום הימל און ביטערלעך געוויינט.

מענטשן האָבן זיך באוויזן אויף די שוועלן, — געגלויבט עס איז א לויה.

מען האָט ארויסגעקוקט דערשראָקענע פון די פענסטער, איבערגעשריען זיך, און מען איז אים שוין נאָכגעגאנגען נישט פערשטייענדיק, וואָס עס קומט דאָ פאָר. מענטשן זיינען אים נאָכגעגאנגען.

א גאס נאָך א גאַס.

און ביז שפעט אין דער נאכט איז ער אָט אזוי ארום געגאנגען, ווי א לבנה-גייער איבער דער שטאָט.

צומאָרגנס האָט אים פריילן גנעסיע ארייגעפירט אין שטיבל א פארחלשטן און כמעט א געשטאָרבענעם. ער האָט געשוויגן, זי איז געזעסן איבער אים דעם גאנצן טאָג, גערעדט צו אים און געוואָלט אים, ווי עס איז, פונאנדערוועקן און ער איז אויף דער סאָפקעלע געלעגן קאלט, געקוקט אויף איר מיט אומבאוועגלעכע אויגן און קיין איין וואָרט נישט ארויס גערעדט.

11

# מאָנטאָג

אי, אי — — —

ס'איז געווען דער וואָכעדיקער מאָנטאָג, ווען די אָרעמע לייט גייען ארויס איבער די הייזער. דאָס מאָל זיינען זיי אין מחנות ארויס איבער דער רעוואָלוציאָנערער שטאָט. דער ייד מיט דער פייערדיקער באָרד, וואָס האָט אמאָל אין דער גע־פאר געשפרייזט איבערן שטאָט און געשריען „אילומינאציע“, האָט אויך איצטער געשפאנט פאָרויס מיט א גרויסער טאָרבע אויף די פלייצעס און מיט א בעראָזעווען שטעקן אין האנט. ער האָט אויסגעזען, דער ייד, ווי משה, וואָס פירט ארויס די יידן פון מצרים.

אין די שמאָלע געסלעך צווישן די קרומע, טונקעלע מויערן מיט די אויסגעדרייטע געזימסן האָבן זיי זיך גע־שטופט. דורך די גראָבע טויערן זיינען ארייַנגעקראָכן אין די הויפן, אויסגעשטרעקט לאנגע, שטעקלדיקע הענט צו די פענסטער:

— גיט עפּעס א נדבה, גיט עפּעס א נדבה!

און עס זיינען אראָפּגעפאלן המוציאס ברויט, צעקאדער־טע שיך, צעלאטעטע בגדים, כאָטש קיינער איז דאָרטן אויבן אין די פענסטער נישט געשטאנען. אין די נעפלדיקע געסלעך האָבן זיך געהוידעט די הויקערס ארויסגעשטארטשעטע דורך אויסגעמאָליעטע קאפאָטעס, עס האָבן זיך געצויגן העלז־ער

ארומגעבונדענע מיט בלויע אָדערן און פארכעס א הינטער היטלן אראָפּגערוקטע ביז איבער די אויגן.

ר׳ אברהמל בעל-תענית, א באָרוועסער, מיט דער קאפּאָטע אויפן הוילן בלאָטיקן לייב, האָט געשפּרייט די הענט און פיס, ווי א שפּין ערגעץ אונטער א דאך, און סטעסיע און גנעסיע, פארוויקלטע אין די פאטשיילעס מיט די גרויסע קניפּן אויף הינטן, האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים מיט די אלכאָוועס שטעקעלעך אין די הענט און זיי האָבן מיט די ליידיקע מיי-לער אָדער עפּעס געגעסן, אָדער געדאוונט.

די מחנות זיינען ארויסגעקראָכן אויפן ליידיקן מארק, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי א געלן מויער, אויסגעצויגן די הענט צום גאניקל אויבן, און די ווייבער האָבן געשריען:

— רעווקאָם, עסן!

און דאָס גאניקל, ארומגעזעצט מיט קליינע בלימעלעך, האָט געבליט פאר זייערע הייסע בלאָטיקע אויגן, ווי א גער-טענדל, אָבער עס איז דאָרטן געווען שטיל און קיינער האָט נישט אָפּגעענטפערט.

— רעווקאָם, עסן! א נישט שטארבן מיר!!

און דעמאָלט האָט זיך באוויזן אין פענסטער סאָניעטשקע. זי האָט לאכנדיק אראָפּגעוואָרפן א צונויפגעוויקלט פאפירל פונקט סטעסיען אין פאטשיילע אריין. די אָרעמעלייט האָבן געקניט. די אָרעמעלייט האָבן אָפּגעדאנקט און זיי האָבן זיך אויסגעקירעוועט און אוועקגעשלעפּט זיך ווייטער. עס האָט גע-שפּרייזט דער ייד מיט דער פייערדיקער באָרד און די מחנות זיינען אים פריילעך שוין נאָכגעלאָפן און נאָכגעהונקן. אָ, הייליקער מאָנטאָג! עס האָט זיך וויינענדיק ר׳ אברהמל צע-זונגען, ער האָט פארוואָרפן די האָריקע הענט און ער האָט, ווי א באָק, צוגעשפּרונגען:

גאָטעניו, גאָטעניו,
איך וועל גאָרנישט נישט טאָן אויף דער וועלט,
נישט טוענדיק בליען דאָך בוימער,
נישט טוענדיק וואקסן דאָך קינדער.

איך וועל זינגען, ווי א פייגעלע און ס'וועט מיר גוט זיין,
איך וועל עסן, ווי א וואָראָנעלע און וועל זאט ווערן.
פרנסני ככלב וכעורב, גאָטעניו!
מיט א בגד איז מיר גוט
און אָן א בגד איז מיר נאָך בעסער,
מיט אן אשה איז מיר גוט
און אָן אן אשה איז מיר אודאי גוט — — — —
גאָטעניו, גאָטעניו!

און די אָרעמעלייט האָבן אריבערגעבראָכן די הענט אויף די אקסלען, האָבן אויסגעשטעלט די הויקערס און גענומען האָטשקען זיך לאכנדיק און וויינענדיק. און זיי האָבן אויפגעלויכטן פון דער טיפער, טרויעריקער פרייד, וואָס עס איז דאָ אין דער וועלט. עס האָט געברענט די פייערדיקע קאָלטענעוואטע באָרד, שטיוול האָבן זיך אויפגעהויבן אָן זוילן און קוליעס האָבן צוגעקלאפט, ווי קאָסטאניעטן:

— פארוואָס לייכט נישט מאָנטאָג און דאָנערשטאָג די זון ליכטיקער?

— פארוואָס איז נישטאָ קיין מוזיק אויף די גאסן?

— מיר ווילן נישט קיין שבת, מיר דארפן נישט קיין שבת, מיר — וואָכעדיקע יידן!

און זיי זיינען, ווי א סטאדע חזירים אריינגעקומען צוריק אין די גרויע געסלעך אריין מיט געזאנג און מיט געוויין. דאָרטן אין די ליכטיקע גאָרנס האָט מען אראָפגעריסן די גילדערנע פינגערלעך פון די הענט, די מאנען האָבן אָפגעביסן די אוירינגלעך פון די ווייבס אויערן און זיי האָבן עס געוואָרפן אדורך די פענסטער. אָבער זיי האָבן עס שוין נישט אויפגעהויבן, ווייל די טונקעלע, בייזע פרייד האָט פון זיי ארויסגעלויכטן. דער ייד האָט זיי געפירט, ער האָט מוראדיק געהויבן די פיס איבער די געסלעך און זיי זיינען אים נאָכגעגאנגען. זיי האָבן זיך געוויקלט גליקלעכע אין די שמאטעס און געלאכט אינעווייניק פון טרערן. אוןביים ראָג פון די צוויי געסלעך, וואו עס האָט זיך ארויסגערוקט דאָס בוי-

דימל איבער זיי, ווי א טויבנקלאפע, האָבן זיי זיך אָפּגע־שטעלט. די אלע מחנות זיינען אָנגעקומען, אויסגעסדרט זיך, און מיט די קעפּ אויף ארויף צום בוידים־שטיבל גערופן צו אים:

— קום ארויס, איידעלער מענטש! קום ארויס געזאלב־טער אָרעמאן!

— אָ, קום ארויס!

עס האָבן זיך פונאנדערגעעפנט די פענסטערלעך אין בוידים־שטיבל. און אין זיי האָבן זיי זיך דעמאָלט באוויזן: פריילן גנעסיע און ער — מרדכי מארקוס. ער איז געשטאנען אָן א ראָק, א בלאסער מיט ציטערדיקע ליפּן. און ער האָט געשמייכלט. די אָרעמעלייט אונטן זיינען געווען צונויפגעקוי־טשעבורעט, אָנגעוואָרפן, ווי איין ווילדער גוף ביי זיין שטוב.

— רייד צו אונז, גרויסער אָרעמאן!

— טרייסט אונז, געבענטשטער מענטש!

פריילן גנעסיע האָט אויסגעזען בלייך, ווי א קיניגין. און אָט פירט מען דאָס טאקע ארויס דעם קיניג פארן פאָלק. זי האָט געקוקט שטאר אויף זיי מיט אראָפּגעלאָזענע שווערע לעפלען איבער די אויגן. און זיי האָבן אויך געשוויגן. און ער מרדכי מארקוס, האָט באקוקט די מענטשן. ער האָט געזען פלאטשיקע קערפּערס, קיילעכדיקע פּיס. ער האָט געזען נעזער, וואָס זיינען געלעגן, ווי העלצער, ביים זייט פּנים; אויגן פארדוקטע אויף די שטערנס. און הויקערס, און הינקעדיקע. און די, וואָס האָבן פראנצן. און די, וואָס האָבן פאליקע — איז ער באגייסטערט געוואָרן, און עס האָבן זיך אים באוויזן טרערן אין די אויגן. און ער האָט אויסגעשפרייט צו זיי די האנט:

— יידן, עס איז יום־טוב! ווער זאָגט, אז די אָרעמע זיינען אָרעם און די פארשטויסענע זיינען אומגליקלעך? איר, מיט די טאָרבעס אויף די פּלייצעס. איר — גרויע און וואָכע־דיקע — איר שטייט ביים קוואל פון דער וועלט.

גאָר די גליקלעכע זיינען אומגליקלעך און דער, וואָס האָט — האָט גאָרנישט.

כ׳האָב געזען בליטן און וואסערן — זיינען די וואסערן פרידלעכער, כ׳האָב געזען א שעפס און א שוחט, איז דער שעפס הייליקער.

איר זייט די וואסערן פון דער וועלט און צו אייך וועלן קומען טרינקען די דאָרשטיקע.

אָ, ווער פערלירט די קייטן? — דער, וואָס האָט זיי אָנגעטאָן. איר זייט אָבער, ווי די ערד, וואָס מען צוימט איר און זי איז נישט ארומגעצוימט, און איר זייט אויך, ווי די ערד, וואָס זי טוט גאָרנישט און דעריבער לאכט זי קיינ-מאָל נישט.

זעט, וועלכער קוואל איז אָן א גרונט? — דער קוואל פון טרויער, כ׳האָב געזען פריילעכע, האָבן זיי זיך געפרייט און אויפגעהערט און די וואָס האָבן געטרויערט — ווילן נישט.

א לויב צו אייך, וואָס אייער מזל איז שווארץ, וואָס איר עסט בייטאָג, ווי פערד פון דער טאָרבע און ביינאכט שלאָפט איר, ווי זיי מיט אָפענע אויגן.

און א לויב צו דעם עלנט, וואָס די פויגלען זינגען אויך פון אים.

די אָרעמעלייט זיינען געשטאנען אונטן אין געסל און געוויינט. טרערן פון מתיקותדיקן בראָך האָבן זיך געגאָסן אין די בערד אריין. עס איז, ווייזט אויס באמת געווען מאָנטאג דער טאָג פון גאולה.

— מען ווארפט אונז גאָלד פון די פענסטער און מיר נעמען נישט!

— אוירינגלעך מיט די אויערן...

— אָ, צו וואָס דארפט איר גאָלד? — איר דארפט גאָר נישט. עס איז געקומען פון דאָרטן צו אונז א שליח האָט ער אונז אָנגעזאָגט, אז עס איז נישטאָ גאָר נישט.

אָבער מיר גלויבן אים נישט, ווייל מיר זוכן דאָך נישט, מיר פאָדערן דאָך פון אים גאָר נישט.

אונזער תפילה ווערט פערגומען נישט דאוונענדיק און אונזער ארבעט ווערט אָפּגעטאָן נישט טועגדיק.

זעט, עס איז אָבער פאראן איין גרויסע תפילה, וואָס ווערט געבעטן נישט מיט די ליפּן, וואָס קיינער פערנעמט איר נישט און זי איז די הייליקסטע.

עס בעט איר נישט אַ פעלד עס זאָל וואקסן פון אים גראָז, נאָר אַ פעלז אַ נאקעטער, וואס וויל קיין גראָז נישט.

עס זאָגט דער פעלז זיין תפילה און די הימלען שפּאלטן זיך פון שרעק, וואָרום צוליב וואָס בעט ער? וואָס וויל ער? — ער וויל גאָר נישט.

איך וועל זינגען פאר די טויבע, וואָרום דעמאָלט הערט מען מיר נישט. איך וועל צו דיר מתפלל זיין, אָבער דו זאָלסט בכלל נישט זיין.

זעט, — האָט ער אָנגעוויזן מיטן האנט אויף פריילן גנעסיע — אַ מענטשן האָט מען אָפּגעשמיסן אין מיטן טאָג, אַ מענטשן האָט מען געשענדט און ער בעט שוין די תפילה פון גאָר נישט. מען האָט אים געשמיסן מיט קראָפּעווע אויפן הוילן מוטער-לייב און ער איז דורכדעם געהייליקט געוואָרן. זעט!

די אָרעמעלייט האָבן, ווי אין אַ טירוף דעמאָלט אויסגעשטרעקט צו איר אַלע די הילצערנע פארגליווערטע הענט זייערע און זיי האָבן זיך אראָפּגעלאָזן אין בלאָטע פאר דער פריילן גנעסיע שרייענדיק צו איר און רופנדיק צו איר:

— דו, הייליקע בתולה, אַ לויב צו דיר!

— אַ לויב צו דיר, גליקלעכע, וואָרום עס האָט דאָך דיר, משמעות, ווי געטאָן!

און די פריילן גנעסיע האָט בייז געקוקט אויף זיי און אַ ווארעמער שווייסל האָט איר באשלאָגן. קיינמאָל האָט זי נאָך נישט אויסגעזען אַזוי באהארצט און שטאָלץ, ווי איצט, ווען

איר גרויסע שאנד איז אנטפלעקט געוואָרן פאר אלעמען. געוואָלט האָט זי עפענען אירע פערטריקנטע ליפעלעך און פערציילן, ווי מען האָט איר אין העלן טאָג שלעכטס געטאָן, אָבער, ווי זי איז דורכדעם געוואָרן דערהויבן. נאָר די אָרע־מעלייט האָבן, אָן איר, ווייזט אויס, אין דער אייגענער רגע פארגעסן. זיי האָבן זיך דאָרטן אויסגעלייגט אין דער בלאָטע, פונאנדערגעוויקלט די טאָרבעס און גענומען זיך הונגעריק צו די שטיקער ברויט. קבצנים! קבצנים! אברהמל בעל תענית איז ארומגעגאנגען דאָרטן אין דער טונקלעניש צווישן זיי מיט א פארנומענער קאפאָטע, אן ארבל אין אן ארבל, אָבער געגעסן האָט ער נישט, ווייל ער האָט שוין געהאט מסתמא אמאָל געשטאָרבן. און אין בוידימל איז שוין אויך געוואָרן שטארק־טונקל.

12

# נאָך!... נאָך!!!

אין די אָוונטיקע צימערן איז געהאָנגען אַ לאַנגער פּאַס שטויב און ליכט פון דער זון דער געלער, וואָס איז ער-געץ און די בערג אונטערגעגאַנגען.

ליענאָטשקע אַליין אין ווינקל הילכעדיקער שטוב האָט עפּעס אַראָפּגעשפּילט נאָגנדיק פונם קלאַוויר און זי האָט גע-קוקט אַזוי אויסגעקירעוועט דעם שווערן קאָפּ צום פענסטער פון וואַנען דאָס ליכט האָט זיך אהער אַריינגעזיפּט. עס האָט זיך מיד אויסגעבלייכט פון דער טונקלעניש איר בלאַס גע-זיכט מיט דעם דיק-מאַנסבילשן נאָז, וואָס איז געווען צו האַרב פאַר איר פּנים.

ליענאָטשקע, אָ, ליענאָטשקע,

וואָס האָט געלעבט, ווי אַן אַלטע פרוי. וואָס האָט גע-טראַכט ציטערדיק און אומקלאָר-אומקלאָר, ווי אַ קינד.

און דעריבער האָט זי זיך דאָ טאָפּלט נישט געפונען.

און דעריבער האָט זי דאָ קיינמאָל נישט געהאַט קיין חברטעס און די דערוואַקסענע האָט זי אויך נישט ליב גע-האַט — ליענאָטשקע.

דער אַלטער דאָקטאָר, איר פּאַפּאַ, איז עס געווען איר פריינד. און נאָר ווען ער האָט זיך געוויצלט האָט זי געלאַכט. צוזאַמען פלעגן זיי אַרויסגיין פאַרנאַכט שפּאַצירן הינטערן שטאָט און צומאָל שפּאַצירנדיק פלעגט ער זיך, דער פּאַפּאַ, באַקלאָגן

פאר איר, אז ער איז דאָ „עלנט, ווי א וואראָנע", עס געפעלט אים נישט איבערהויפט אָט דאָ אויף דער וועלט און ליענאָטשקע פלעגט עס אים דעמאָלט טרייסטן,

— נישקשה, פאפוניו, אָט די זאָרג זיך שוין גאָרנישט... —

און דערנאָך אין דער היים איז מען שוין געזעסן צוריק איינגעבויגן און שאָטנדיק ביים קלאוויר און מען האָט אויפגעשפילט ווידער אין א נאָווינע אזעס טויט, וואָס זיי האָבן עסביידע הייליק און סודותדיק ליב געהאט.

---

אזעס טויט.

אין די טונקעלע צימערן זיינען איצט אויפגעשוואומען ווייסע בלומען פון שניי. זיי האָבן זיך גערירט בלייכע און פינקלענדיקע און זיינען אויסגעגאנגען פון זיך אליין, אָן א טויט.

דער געלער זייל ליכט קרום איבערן צימער איז געלבער געוואָרן, אָפגעלאָשענער.

עס האָט זיך אָפגעצייכנט אין דער טונקלעניש דער סיליועט ליענאָטשקעס און די ווייסע פינגער, וואָס האָבן ווייך געבלאָנדזשעט איבער די קלאווישן.

שטיל.

אין די אינעווייניקסטע צימערן טרעט עמיצער שווער, גייט עמיצער אהין און צוריק. עס איז דער אָפגעסערכעטער סאָלדאט, וואָס געפינט שוין לאנג קיין רו נישט.

און ער רעט דאָרטן נאָכאנאנד צו זיך אויפן קול.

קיינער איז אין שטוב נישטאָ, אָבער ליענאָטשקע איז דאָך שוין צו אים געוואוינט.

דער אָפגעסערכעטער סאָלדאט שארט זיך ביים טיר. און אָט איז ער אריינגעקומען.

אָט.

ער האָט זיך נישט אומגעקוקט, אריינגעקומען אהער, משמעות, עפּעס נעמען. דער שווערער בופעט מיט די הילצערנע

פֿויגלען אויף זײַנע טירלעך קומט אים אויס אקוראט פֿאר די אויגן. ער רוקט אַרויס די שיפֿלאָדן, עפֿנט די טירלעך און זוכט דאָרטן טאַפּנדיק מיט די הענט.

— וואָס זוכסטו?

און ער ענטפֿערט נישט. ער וויל איצט מיט איר נישט ריידן, משמעות. ער ליגט עפּעס איבער פֿערשידנס פֿון איין אָרט אויף דעם אנדערן.

און צום סוף — גייט ער צו צום דיוואַן און טוט זיך א צי אויס איבער אים מיטן פּנים אראָפּ און ליגט, בלייבט ליגן אזוי.

ליענאָטשקע קירעוועט אויס דעם קאָפּ צום וואנט און באקוקט אים, ווי ער ליגט דאָ א צעקאָדערטער און א באָר־וועסער מיט קויטיקע פּיאַטעס און ליענאָטשקע טראַכט, אז אים איז מסתמא שוין אויך אומעטיק און טרויעריק. נאָר אָט טוט ער זיך א הויב אויף:

— ליענאָטשקע?!

— יאָ.

— געדענקסטו מײַן נאָמען, הא?

— ליאָניק.

— נו פּאַסט פֿאַר מיר דער נאָמען, ווי מיינסטו?

— איצטער נישט אזוי.

ער טוט זיך א שטארקן קער און זעצט זיך אויס אינגאנצן אויפֿן דיוואַן:

— פֿארוואָס?!

כ׳ווייס נישט. ליאָניק דאַרף עפּעס זײַן שענער, ייִנגער...

— נו, און איך בין נישט קיין שיינער?

ליענאָטשקע שווייגט.

— רעדסט צי נישט?

שטילערהייט האָט זי זיך שוין אומגעקוקט מיט שרעק און גענומען ענטפֿערן:

— דיר פֿעלט אַן אויער און דײַן פּנים איז אינגאנצן אָפּגעקראָכן...

— פארוואָס פעלט מיר אן אויער?
מען האט דיך פארוואונדעט?
— ווער האָט מיך פארוואונדעט?
— איך ווייס נישט.

און ליענאָטשקע האָט זיך שיר צעוויינט. ער האָט געקוקט א רגע לאנג אויף איר און האָט זיך צוריק אויסגעצויגן אויפן דיוואן. זי האָט אויף אים געוואָרפן אזא זייטיקן קוק, האָט זיך איינגעוויקלט אין שאל און איז שוין געבליבן זיצן שטיל, שטיל א פערשטיינערטע. ער האָט געפרעגט:

— דו רויכערסט?
— ניין.
— איך ווייס דאָך, אז דו רויכערסט נישט. און איצט וועל איך דיר פרעגן אָט וואָס: דו רעדסט?

זי האָט געשוויגן.

— דו דארפסט ריידן, ווייל מיר שווייגן. מיר זיינען אמתע שטומע, ווי שטיינער. דו ווייסט פארוואָס? ווייל מיר האָבן נישט אונזער שפראך: און מיר וויינען נישט: דו ווייסט פארוואָס? ווייל אלע, אלע וויינען. אָבער הער, דו, (ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן) צי דען איז מעגלעך, אז עס וועט נישט זיין קיין באלוינונג פאר די מעשים? אָ, ליענאָטשקע, ליענאָטשקע, מיין טייערע ליענאָטשקע, מיר גלויבט זיך עס נישט. דו, הער זיך איין, ליענאָטשקע, בריליאנטשיק, פערשטיי מיך גוט. כ׳בין געלעגן ביינאכט אין א וואלד, אין א יאדלאָוון, אליין אין מיין גרוב, און כ׳האָב מיך צוגעהאָרכט, און כ׳האָב מיך אויסגעלערנט עפעס וויכטיקס. איך קאָן זינגען, ווי א סאָווע. קיינער קאָן עס נישט נאָכמאכן, נאָר איך: ציר. ציר, צירררר. אָ, טייערינקע, כ׳וויל קלענער ווערן פון מיין עלנבויגן, כ׳וויל מיין פנים זאָל פארוואקסן ווערן מיט פעדערן — וועל איך זיך קענען דעמאָלט אוועקזעצן אויף א דאך איינער אליין.

ציר, ציר, צירררר — ווען דו הערסט א סאָווע שרייט זאָלסטו וויסן, אז דער אומגליק איז שוין נאָענט: ציר, ציר, צרר.

ליענאָטשקע, וואָס איז שוין געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט דעם קאָפּ צו דעם ווענטל פון שטול, האָט זיך פערשטאָפּט מיט ביידע הענט די אויערן, און דער געזאַנג זיינער האָט איר דאָך געגריזשעט ביים האַלז, ווי מען וואָלט אים איינגעביסן מיט פוילע ציינער. ער האָט זיך דערמונטערט, אויפגעהויבן זיך פונם דיוואַן און מיט די הענט אין די באָקעס געגומען צו איר ריידן וואָגיקער, אויף א באַס-שטים:

— דו האָסט געהערט מען זאָגט: קין האָט געהרגעט זיין ברודער — מוז ער אָפּקומען די שטראָף. אָבער וואו איז קין? פאַרוואָס זעט מען אים נישט, אין ערגעץ נישט? און וואו איז דער צייכן אויף זיין שטערן. נ י ש ט אָ. (ער האָט אויסגעשפּרייט די הענט) ווייסטו פאַרוואָס? דער געהרגעטער האָט אויך גענומען אויף זיך צו טראָגן דעם צייכן פון קין. יאָ, מיין קינד. ווען דו לייגסט זיך שלאָפן, דעמאָלט קומט ער צו מיר א נאַקעטער און א שווארצער מיט א לאַנגן בערדל. קין רעט צו מיר און ער פרעגט ביי מיר. הער, וואָס קין פרעגט ביי מיר: פאַרוואָס האָסטו נישט איינגעוויקלט דעם אויער דיינעם אין א פּאַפּירל און געבראַכט אהיים? ציר, ציר, צירררר. מיין קינד. עס טוט מיר זייער ווי, וואָרום איך בענק נאָך מיין אויער. כ׳האָב אים אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, ווען ער איז אָט אָ דאָ געהאָנגען און נאָר איצט זע איך, ווי ווייט ער האָט מיר געקליידט. הער! דו הערסט, צי נישט? איך הייס דיר שוין ענטפערן מיר!

— נו?!

— דו הערסט?

— יאָ.

— ווי מיינסטו, א מיידל וואָלט מיר איצט א קוש געטאָן?

— זי האָט געשוויגן.

— זאָג!

— איך ווייס נישט.

— דו ווייסט יאָ, זאָג!

— ניין.

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן דיוואַן, פאַרטראַכט זיין אַ ווײַלע קוקנדיק מיט אָקסענע אויגן און דערנאָך האָט ער איר צוגערופן מיט אַ פינגער:

— קום אהער!

ליענאָטשקע האָט זיך אײַנגעוויקלט אין שאַל און נישט געענטפערט.

— שוין, די מינוט, אהער;

און אַז זי איז שוין אַ ציטערדיקע און אַ בלאַסע געשטאַנען פאַר אים, האָט ער נאָך אַלץ טירופדיק געשריען:

— גיב מיר אַ קוש.

עס איז איר אויפגעקומען דער עקל ביז צום האַלז, אָבער זי האָט זיך געקרעפּטיקט, איבערגעבויגן זיך און אים אַ קוש געטאָן.

— אט אָ דאָ אין אויער!

— גוט!

— נאָך!

— נאָך!!!

— נאָך!!!!

— נאָך, ביז צום טויט!!!

מיט אַ פונאַנדערגעשצירעטן מויל האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן און אַרויפגעוואָרפן אויפן דיוואַן. ליענאָטשקע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, ווי אַ מײַזל. נאָר באַלד האָט זי עפּעס פּלוצלונג פאַרשטאַנען און זי האָט שטום זיך אַרויפגעוואָרפן צו אים אויפן קאָפּ, אַראָפּגעבויגן זיך נידעריקער, גליטשיק אַזוי און אויסגערעכנט, און מיט אַמאָל אַרײַנגעביסן זיך צו אים אין האַלז אַרײַן. ער האָט גענומען מיט אַלע גלידער שלײַדערן אין דער לענג, ווי אַ לאַנגער וואָרים. און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן איר מיט די הענט, אַ ריס זיך געטון, כּדי אַראָפּצופאַלן פונם דיוואַן אויף דער ערד, אָבער זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזן. שווייגעוודיק-שווייגעוודיק איז זי געלעגן

אויף אים צונויפגעדרייט, ווי א פיאווקע אין א מושל און בענאָגט אזוי מיט א משוגענער מתיקות פונם פארבלוטיקטן האלז. און אירע אויגן זיינען געלעגן ארויסגעזועצט, ווי מען וואָלט זיי איר געהאט איצט צוגעהאָנגען צום שטערן.

יענע נאכט איז דער אלטער דאָקטאָר אביסל גרויער געוואָרן ווען ער האָט נישט געשפילט אויף דעם פייפיאָל.

13

# א שרכן...

און אויבן אין בוידימל האָט עס טאקע אויסגעזען, ווי אין א טויבנשלאק. עס איז אפילו געשטאנען אויף דער פאָדלאָגע א ספאָדיקל מיט וואסער און גערשטן פארשאָטן.

מסתמא האָט ער אמאָל געהאָדעוועט א הון, מרדכי מארקוס.

שפינגעוועב האָט פארהאָנגען אלץ, אויך די פאָליטשקעס און די פאָר נאקעטע בילדלעך אויף די ווענט, און א קילקייט איז ארומגעגאנגען איבערן שטוב, א שטילע און א שטענדיקע, ווי עס וואָלטן געווען עפענונגען אין די ווענט.

פארוואָס ביי מרדכי מארקוסן אין בוידים-שטיבל איז געווען אזא פויגלשע אטמאָספער איז שוין שווער צו דערקלערן, אפשר האָט געלעבט אין אים די נשמה פון אן עוף, וואָס האָט זיך געקענט נור אויף אזא שטייגער אויסלעבן.

און עס איז געווען טונקל און קיל.

די פריילן גנעסיע איז נאָך אלץ געזעסן נעבן אים אויף דעם סאָפקעלע און ער, מרדכי מארקוס, איז דאָרט אלץ געלעגן פארקוקט מיט קאלטע אומבאוועגלעכע אויגן און קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט, אזוי אז פריילן גנעסיע איז שוין געווען פארצווייפלט.

— איז ער שוין נישט בכלל שטום געוואָרן?

אָבער דעמאָלט האָט ער זיך לאנגזאם אויפגעהויבן אויף

די עלנבויגנס, לאנג און מאָדנע באטראכט די צוגעשלאָסענע פענסטערלעך, וואו עס האָט שוין אריינגעקוקט א מוטנער און א מיאוסער פארנאכט, און ער האָט זיך צוריק אראָפּגעלאָזן אָן בחות אויפן געלענער זיינעם. ער האָט פּערטייעט אָפּגעעטעמט און, דאכט זיך, אז ער האָט קוים־קוים צו איר א שמייכל געטאָן.

— וואָס? — האָט זיך די פריילן גנעסיע צו אים ארי־בערגעבויגן.

— גאָרנישט.

— וואָס גאָרנישט? — האָט זי אים מיט פרייד איבער־געפרעגט.

— שוין איבערגעקומען, ליבער פריינד.

זי האָט צוגויפגענומען די הענט אויפן שויס און גאָר־נישט פארשטאנען און גאָרנישט געענטפערט.

— איר ווייסט, צו וואָס איך בין איצטער געגליכן? — האָט ער דערנאָך שטילערהייט געפרעגט.

— צו וואָס? נו ענטפערט, צו וואָס? — האָט זי זיך איבערגעבויגן.

— איך בין איצטער געגליכן צו א טייך. יאָ, א טייך, וואָס זיינע וואסערן האָבן אָפּגערונען. עס ליגט דער געלעגער א ריינער און א שטילער און קיינער בערגלט אים נישט. איר ווייסט, וואָס דאָס באטייט אזוינס, ליבער פריינד? — האָט ער זיך אויפגעהויבן.

זי האָט געקוקט דערשראָקן אויף אים און געזאָגט:

— ניין. איך ווייס נישט.

— עס באטייט, אז איך בין דאָ ארויס דער זיגער, פריינדין מיינע. כ'האָב באזיגט און ארויסגעטראגן דערפון מיין ריינעם אמת.

פריילן גנעסיע האָט אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אָ, איך וועל שוין גאָרנישט נישט טאָן אויף דער וועלט. מיט א פינגער נישט א ריר טאָן. און איך זאָג אייך, עס איז א גרויסע פרייד פאר א מענטשן קומען צו אָט דעם

באוואוסטזיין. איצט וועל איך אומעטום-אומעטום זיין, ווייל איצטער וועל איך דאָך זיין בלויז א צוקוקער פון דעם, וואָס עס קומט דאָ פאָר, איר פערשטייט?

גאָר זי האָט געשוויגן.

— כ'האָב מיך געהיילִיקט היינט פאר אן אָרעמאן, ליבער פריינד. איך בין פארטיק געוואָרן מיטן מענטשן, וואָס כ'האָב אים אוועקגעלייגט אָט דאָ נעבן מיר. עס פרעגט זיך איצט, אפשר דארף איך שוין אויך גישט שטארבן? אָט דאָס פרעגט זיך. —

און ער האָט זיך אויפגעהויבן אביסל אין איז געבליבן אזוי פערקוקט אויף דער פריילן גנעסיע, און זיין נאָז, וואָס איז געווען שטארק וויס האָט זיך עפעס איצטער ארויסגעשניטן פון דער טונקלעניש שארף און זייער וויכטיק.

דאָרטן אויף די טרעפ האָט זיך עמיצער גענומען שארן ביי דער פארמאכטער טיר. זיי האָבן זיך אומגעקוקט גייגעריק און געוואַרט. ס'האָט זיך געעפנט די טיר אזוי פאוואָליע און אריינגעקומען איז לאנגזאם ר' יודע אן עקיקער און א וואטאָוועך, ער איז געבליבן שטיין ביים טיר, וואָרום ווייטער האָט ער שוין גישט געקאָנט אריינקומען אין א שטוב, און ער האָט אריבערגעלייגט ביידע הענט איבערן בויך, ווי צוויי שייטלעך האָלץ, געשטאנען מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און געשוויגן.

דערנאָך איז ער מיט א זייט צוגעגאנגען אפּאָר טריט צום סאָפקעלע און קוקנדיק מיט א זייט אויג אויף מרדכין האָט ער צעצויגן געפרעגט:

— נו, און וואָס איז דער תּכלית, מאָטל?

מרדכי האָט געקוקט און נישט פארשטאנען וואָס, און ר' יודע האָט דאָ דערווייל גענומען קריכן ארום דעם סאָפּ-קעלע מיט קליינע טריטעלעך. ער האָט געקוקט אויפן וואנט און גערעדט:

— איך בין דאָך א טאטע. א טאטע באדארף זאָרגן פאר

זיינע קינדער. הערסט, וואָס איך זאָג: געווּנג דיר צו הוּל-סייעווען...

און דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ער האָט אריינגע-קוקט דער פריילן גנעסיע אין פּנים אריין, גוט אזוי באטראכט און ארומגעקוקט איר אויסזען און א זאָג געטון אָנווייזנדיק אויף איר:

— דוּ הערסט, וואָס איך זאָג דיר?... אָט זיצט א מיידל... אַן אָנשטענדיקע מיידל... נעם איר און האָב חתונה!.. וויפיל איז דער שיעוּר צו הוּלטייעווען. פרעג איך דיר, הא?! און דוּ, מיידל, וואָלסט אויך געמעגט אויפהערן ארומצוּשלעפּן זיך מיט בחורים... כ׳פארשטיי נישט די לייטישע טאטעס. —

פריילן גנעסיע האָט צוגויפגענומען די קני, זי האָט אראָפּגעלאָזן צניעותדיק דעם קאָפּ אויפן ברוסט און איז בלאס געוואָרן. און מרדכי מארקוס האָט זיך זייער פארשעמט. ער האָט אראָפּגעשלעפּט די פיס פון סאָפּקעלע און געגומען אין פערלעגנהייט צורעכט מאכן דעם שניפּסל, וואָס איז געלעגן ביי אים שוין ערגעץ אויפן פּלייצע. און ער האָט געקוקט אויפן טאטן בעטענדיק אים מיט די אויגן, אפשר וועט ער אויפהערן. ר׳ יודע האָט ראָך אָבער נאָך נישט אלץ געהאט ארויסגערעט.

4.

# צווייטע לבנה=נאכט

עס איז געווען א לבנה-נאכט. דער קילער הימל האָט זיך ווייט, אין דער בלויקייט געזילבערט. די צלמים און די טורעמס פון שטאָט האָבן אויסגעקוקט שטילער און לענגער. עס איז געבליבן שטיין דער טונקעלער ווייזער אויפן ציפערבלאט פון שטאָט-זייגער. בלייכע, בלייכע, איז מען ארויס פון די שטיבער זען דעם הימל. ר׳ יודע האָט זיך אויפגעטשוכעט זיצנדיק ביים זעקל האָבער, נאָר ביסלעכווייז האָט ער צוריק איינגעדרעמלט און עפּעס מאָדנע—מיט שטארע, אָפּענע אויגן. עס איז געלעגן די שטאָט שטום, ווי אין א פארגליווערטן בליק. אויפן הימל איז ארויסגעשוואומען א קאָפּ. ער האָט זיך געוויגט אויפן בלוי מיט צוגעשלאָסענע בלאָנדע וויעס און דער שארבן דער גרויסער און נאקעטער האָט אָפּגעשיינט העל אין דער לבנה. א טויטער פּאָדים האָט זיך דעמאָלט אויפגעהויבן, געקייקלט זיך ווייט און לאנג איבערן הימל און גענומען שטיל ארומוויקלען זיך אין א געוועב ארום זיין האלז. צווישן די צלמים און די טורעמס פון שטאָט אין ער געשוואומען. דער קאָפּ, און מיט אמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעעפנט א פּאָר טויטע וואסער-אויגן אויפּ-שטאָט און געקוקט, געקוקט. דער העלער, לינדער בלוי האָט אים ווייך געשווענקט, בעגאָסן זיך איבער אים, ווי א הייז

ליקער וואַסער און ער האָט זיך געריבן אין דער שטיל-
קייט, דער קאָפּ, קאַלט.
און ווייס.
און שטיל.
שטיל — — — —

## 15

# מרדכי מארקוס קלערט אויף פארמישטע באגריפן און די פילאָסאָפיע פון דעם אונטערמענטש...

פארנאכט אין שטאָט-גאָרטן אונטער אַן-אַלטן צווייגיקן דעמב איז גוט צו טראכטן. עס איז געזעסן מרדכי מארקוס אויסגעצויגן די פיס איבערן וועג און רואיק שוין, ווי בודא, האָט ער באקוקט דעגקעריש די פריילן גנעסיע, וואָס איז געזעסן דערביי אויפן באנק מיטן שירעמל אין האנט און גע-שריבן עפּעס אויפן זאמד.

מרדכי מארקוס האָט געקוקט אויף דער פריילן גנעסיע און געטראכט, אז עס איז דאָ פריד אויף דער וועלט און אז דער געדאנק, וואָס איז אליין די ריינע טעטיקייט פון מענטש, איז נאָר דעמאָלט פרוכטבאר, ווען ער איז שטיל און קלאָר, ווי א בייטאָג אין פעלד.

דער פעטער, וויאָלעטער שאָטן פונם בוים האָט אריבער-געצויגן דעם וועג דעם דינעם, וואָס איז געווען ווי באשאָטן מיט גילדערנע מטבעות.

און אין ליידיקן גאָרטן האָט זיך נישט גערירט א בלאט אויף א בוים.

מרדכי מארקוס האָט זיך דעמאָלט אויסגעקירעוועט צו דער פריילן גנעסיע און גענומען ריידן צו איר אָט וואָס:

— ליבער פריינט, האָט איר זיך נישט פאַרטראַכט אַמאָל וועגן דעם, וואָס עס איז אונדז דערקענטעניש?

פריילן גנעסיע האָט אויפגעהערט שרייבן און גענומען זיך גרייטן צום האַרכן.

— איז עס נישט דער מאָמענט, ווען דער אינעווייניק-סטער מענטש אין אונדז דערזעט דעם זיין פון דער וועלט? איך מיין דעריבער, אַז עס ברויכן שוין נישט צו פילאָזאָפירן אָט די, וואָס גלויבן זייערע חושים און דעם פאַרשטאַנד זייערן. די מעטאַפיזיק איז דער העכסטער שטאַפּל פון קונסט, זי דאַרף שטילן דעם דאָרשט פון די, וואָס ווילן לעבן צוזאַמען מיט דעם זיין. ליבער פריינט, דערקענען הייסט אויסטאָן זיך פונם אָנעגעגענומענעם באַגריף מענטש און ווערן זיין, און דעריבער ליגט דער ווערט פון דערקענטעניש טאַקע נישט אינם אויפ-דעקן די פאַרהוילענע רעאַליטעט, נאָר אינם פּראָצעס גופא פון דערקענען. דערקענטעניש איז רעליגיע, רעליגיע...

פריילן גנעסיע האָט איצט פאַרטראַכטערהייט, מיט איר לאַנגן אויסגעצויגענעם האַלז, אויסגעזען היילי, ווי אַ מאַדאָנע; זי האָט געקוקט אויף אים, אויף מאַרקוסן, מיט אַן איבערגעגע-בענעם שמייכעלע און צוגעשאָקלט צו אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט, מיטן קאָפּ, און ער, מרדכי מאַרקוס, האָט גערעדט, ווייל עס זיינען שוין אין אים רייף געוואָרן די געדאַנקען און זיי זיינען פון אים געפאַלן, ווי צייטיקע עפּל פון אַ בוים:

— ליבער פריינד, תּחילת האָבן די דענקער אָפּגעטיילט אָביעקט פון סוביעקט, כּדי מעגלעך צו מאַכן דאָס פילאָזאָפירן. דעם סוביעקט האָט מען איבערגעגעבן מאַכט פון אַ צווייטער וועלט אַ שטאַרקער און אָפּגעשלאָסענער, און פון אָט דעם טאָפּלט-קוק אויף וועלט און מענטש אַרויסגייענדיק האָבן דער-נאָך די פילאָסאָפן אויסגעבויט סיסטעמען, וואו צוויי כּוחות ראַנגלען זיך מיט אַ פאַרביטערונג, צוליב זייער ממשלה. אַמאָל האָט דער אָביעקט מנצח געווען און דעמאָלט האָט מען אונדז אָפּגעפירט צום אור-קוואַל מאַטעריע, וואָס פון איר, הייסט

עס, שטאמט אָפּ דער גייסט, און אַ צווייט מאָל האָט דער סוביעקט געזיגט, און דעמאָלט פלעגט וואקסן דער אידעאליזם. גייסט און מאטעריע זיינען, אלזאָ, צוויי באגריפן, וואָס איינער שליסט אויס דעם אנדערן. און אזוי, ליבער פריינד, האָט פון זיך אליין זיך שוין אויסגעטיילט דער מענטש, וואָס ער איז דער טרעגער פון גייסט, ווי אַ סתירה צו דער וועלט. אַ וועלט, וואָס אָן איר עקסיסטירט נישט די וועלט. עס האָט זיך אָפּגעטיילט דער מענטש פון זיין און ער האָט אים אָנגעהויבן לייטן און פירן. טויזענטער יאָרן, ליבער פריינד, האָבן מיר געפּלאָנטערט מיט דעם קאָפּ און מיט דער צונג, ביז מיר זיינען פארפּלאָנטערט געוואָרן, נעבעך, אין די געדאנקען, נישט ארויסצוקריכן. אָבער אייך וועל איך זאָגן, איר זאָלט בשום אופן נישט צעשיידן דעם איינציקן באגריף פון זיין אין צוויי סותרדיקע אטריבוטן. און אויב דאָס פילאָזאָפירן וועט פון דעם מוזן אויפהערן, הייסט עס נאָך נישט, אז מיר וועלן אָפּגעשניטן ווערן פון דער ריינער דערקענטעניש. מיר וועלן דערקענען די וועלט אינגאנצן נישט פילאָזאָפירנדיק, ליבער פריינד.

— ווי אזוי? — האָט פריילן גנעסיע געפרעגט מיט אַ שרעק פאר איר פראגע.

— דערלויבט, דערלויבט, מיר דארפן פריער אינטערשיידן צוויי אנדערע באגריפן. איר האָט געהערט מען זאָגט: קאמפף פאר עקסיסטענץ?

— יאָ,

נו, אין דעם איז פאראן דער באגריף קאמפף פאר עקסיסטענץ און נאָך אַ באגריף — עקסיסטענץ גופא. עס זיינען פארמישט געוואָרן אויך אָט די דאָזיקע צוויי באגריפן און אזוי ארום דערפירט צו דער נישט ריכטיקער דערקענטעניש. עס איז אָנגענומען געוואָרן דער קאמפף צוליב עקסיסטענץ פאר עקסיסטענץ אליין, טעטיקייט פאר לעבן, ארבעט פאר זיין. איר זעט, ליבער פריינד, ווי אַ געשיכטלעכע אויפפאסונג פון דער רעאליטעט איז דערקלערט געוואָרן פאר דער רעאליטעט אין זיך אליין.

מרדכי מארקוס האָט פעררינקט דעם שנאַפּס, וואָס האָט די לעצטע צייט גענומען זיך אַלץ איבעררוקן צו אים אויף דער פּלייצע און ער האָט ווייטער גערעט:

— אָט דער טעות שטאַמט, לויט מיין מיינונג, פונם מאַראַליסט, וואָס אים באַאומרואיקט דער קאַמפף און ער זוכט עס צו פאַרענטפערן צוזאַמען מיט זיינע איבעריקע אבסאָלוטע אמתן פון גוטס און שלעכטס (און פאַרוואָס דריקט זיך אויס מרדכי מארקוס אזוי איראָניש וועגן גוטס און שלעכטס!?) דער מעטאַפיזיקער אָבער, וואָס פאַר אים עקזיסטירט נאָר איין באַ־דערפעניש — דערקענטעניש, איז באַאומרואיקט נישט פון קאַמפף, נאָר פון דער עקזיסטענץ אין זיך אַליין. און שפּעטער וועט איר זען — האָט ער אויסגעצויגן צו איר א לאַנגן פינגער — ווי אזוי ניטשע, דער מאַראַליסט און מעטאַפיזיקער, איז צע־טומלט געוואָרען און נישט געקאָנט, צוליב זיין עטישן פּילן, אַרויסברענגען די לעצטע רעזולטאַטן פון זיין מעטאַפיזיק (און עס איז אים איינגעפאַלן א נייער געדאַנק). אָבער מען טאָר נישט אַרויסלאָזן פון אויג אן אנדער מאָמענט פון די דאָזיקע באַגריפן: אין קאַמפף פאַר דער עקזיסטענץ איז אונזער שכל דאָס געווער; עס קאָן זיך נישט באַגיין אָן אים דער מענטש, אזוי ווי די קאַץ אָן די נעגל, אָבער, מיין פריינט, די קאַץ עקסיסטירט. זי פילט איר זיין אין דער וועלט נישט דעמאָלט, ווען זי פערציקט, נאָר גראָד אין דער צייט פון פּאַסיוויטעט — דעמאָלט, ווען זי וואַרעמט זיך אויף דער זון.

איר זעט, איר זעט, ביי אָט דעם פאַל שליסט די עק־סיסטענץ איינגאַנצן אויס טעטיקייט. איר ווייסט פאַרוואָס? ווייל זיין הייסט: דערקענען זיך אין דער וועלט, און דערקענען הייסט: איבערגעבן זיך צו דער רעאַליטעט, אָבער קאַמפף איז גראָד דאָס אָפּשליסן זיך, די אויסטיילונג, אַקטיוויטעט פון עפּעס אַנטקעגן עפּעס. און אזוי ווי דער שכל איז א מיטל פונם מענטשן אין קאַמפף, איז ער דעריבער נישט א מיטל פאַר דערקענטעניש; דער שכל בויט און די דערקענטעניש ווייל נישט בויען, זי וויל גאָרנישט צוגעבן, אפילו באַגריפן נישט.

מיר קומען אזוי ארום צו דער איראַציאָנעלער דערקענטעניש, און איך מוז אייך אצינד אָנווייזן אויף בערגסאָנען, וואָס איז אויך ארויס אויף אָט דעם וועג, אָבער ער האָט פארבלאָנדזשעט, צוליב זיין פאָרזיכטיקייט, ווייל ער האָט תּמיד געוואָלט זען דעם וועג הינטער זיך אויף צוריק. דער אנאליטישער שכל, לויט זיין מיינונג, דרינגט נישט אריין אין תּוך פונם געגעבענעם און נאָר די אינטואיציע שטראַלט אדורך דעם געגנשטאנד. עס איז אָבער א שאלה, ליבער פריינט, עס איז אָבער א שאלה, אויב מיר קומען צו דעם תּוך פון די זאכן ערשט דורך דער אינטואיציע. ווער ווייס, אפשר ווען ער, בערגסאָן, וואָלט אָנגעשטעלט זיין אינעווייניקסטן בליק אויף דעם אייגענעם באוואוסטזיין אין א רגע, ווען ער איז באמת נישט אקטיוו, וואָלט ער, קאָן זיין, אויסגעפונען אונטער דעם אומאויפהערלעכן, לויפיקן שטראָם דאָך די פ א ס י וו י ט ע ט.

אָבער איר הערט זיך צו, ליבער פריינד, און איר וועט געפינען א סתירה אין זיין אויפפאסונג. וואָרום אָט די אָנווענדונג בערגסאָנס פונם „אינעווייניקסטן בליק" ווייזט דאָך אונז געוויג אויף טעטיקייט; עס באווייזט, אז די רגע איז גראָד געווען פול מיט אקטיוויטעט און ער זאָגט דאָך אויך, אז די ריינע דערקענטעניש קומט פאָר אין א רגע, ווען „איך בין נישט אקטיוו". ער האָט זיך סותר געווען דערמיט, וואָס ער האָט געוואָלט איבערלאָזן הינטער זיך א מינימום פון טעטיקייט. און א שאָד — האָט ער באדויערט — ער איז דאָך אזוי נאָענט צוגעגאנגען צום פארהוילענעם סוד פון לעבן און צום סוף האָט ער גאָר אליין פארשלאָסן פאר זיך די טיר נישט אריבערצוגיין.

און אין וויאָלעטן גאָרטן איז געווען שטיל. עס האָט געקוקט פריילן גנעסיע מיט פינקלענדע ווייסלען אויף מארקוסן און באוואונדערט אָט דעם שארפן, דעבקענדן מאן, וואָס ער זיצט אזוי רואיק, ווען עס שיט זיך דאָס גאָלד פון זיין מויל. עס איז איר מיטאמאָל ווארעם געוואָרן אין

דער ברוסט. מיטאמאָל איז דער פריילן גנעסיע ווארעם גע־וואָרן פון א געדאנק, וואָס האָט א צאפל געטאָן דורך איר, ווי א זילבערן פלאָטקעלע, ווען מען ציט עס ארויס פון וואסער. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם, ווי ר׳ יודע האָט אויפגע־פאָדערט מארקוסן נאָר חתונה האָבן. איר איז איצטער פלוצלונג קלאָר געוואָרן, אז מרדכי מארקוס איז דער איינציקער, וואָס וואָלט געפאסט צו זיין איר מאן. ער און נישט קיין אנדערער. זי איז שטארק רויט געוואָרן און גענומען ווישן זיך און אָפּקילן זיך מיטן טאשן־טיכעלע. מרדכי מארקוס האָט עס אָבער נישט באמערקט:

— מיר ווייסן, אלזאָ, אז דער ריינער זיין איז דער היפך פון אקטיוויטעט. יעדע ארט טעטיקייט פון גייסט ווערט אָפּגעוואָרפן, כדי מיר זאָלן קענען צוקומען צו דער אבסאָלו־טער עקס־סטענץ. אָבער זעט, ווען מירווארפן אָפּ דעם גייסט, בלייבן מיר אליין מיט אונזער קערפער, און אפשר איז ער דער קוואל פון אונזער דערקענטעניש? באמת, דער פאס־ווער קערפער, וואָס בויט נישט, שאפט נישט, איז שוין נעענטער צום זיין דערמיט, וואָס ער טיילט זיך נישט אויס פון אים. איך האָב אייך שוין דערמאָנט ניטשען, ער האָט זיך דער־ערשטער אָפּגעשטעלט אויף דעם ווערט פון קערפער, אָבער ער האָט אים אויפגעפאסט, ווי א ווערט און נישט ווי אן אבסאָלוט. אפשר צוליב דעם, וואָס ניטשע איז געווען מער מאָראליסט, האָט דער פראָבלעם פון ווערטן געהאט פאר אים א וויכטיקערן באטייט, ווי דער פראָבלעם פון דערקענטעניש. עס איז אָבער קלאָר, אַז ער האָט זיך מיט דעם קערפער, וואָס שאפט נישט שאפנדיק און טוט נישט טוענדיק, ארומגעשלאָגן זיין גאנצן לעבן און געוואָלט מיט אים פארבייטן דעם גייסט. „איך בין גאָר און אינגאנצן קערפער, און גאָרנישט אויסער קערפער; און די נשמה איז נאָר א נאָמען פאר עפעס, וואָס איז איינגעשלאָסן אין קערפער". יאָ, יאָ. אָבער אָנשטאָט צו פראָקלאמירן דעם קערפער פאר דעם טרעגער פון דערקענטע־ניש, אלס דעם איינציקן אויסדרוק פון דעם אייביקן ריינעם

זיין, האָט ער נאָר דורך אים איבערגעשאצט ווערטן און מער גאָרנישט.

ליבער פריינד, איר האָט פריער געפרעגט, ווי אזוי ווען מיר דערקענען די וועלט נישט פילאָזאָפירנדיק? פאר־טראכט זיך אָבער, וואָס וויל דער ריינער מעטאָפיזיקער, וואָס ווילן מיר? — מיר ווילן דערקענען דאָס אבסאָלוטע, מיר ווילן אינגאנצן זיין דורכגעדרונגען מיט דעם אבסאָלוטן. פאר זיי איז עס א צובוי פון נייע באגריפן, פאר אונז דארף עס נאָר אָנווייזן אויף דער זיכערקייט פון דער דערקענטעניש, אָבער מיר ווילן דורכדעם בשום אופן נישט ארויסבאקומען נאָך א פאָזיטיוון צוגאָב צו אונזערע קענטענישן. דאָס צוקומען צו דער לעצטער רעאליטעט מוז זיך געפינען אין דער נעגאציע. אָ, ליבע פריינדין, דער פראָצעס פון דער־קענען קומט נישט פאָר דורך אן אקטיווער, פאָזיטיווער טעטי־קייט, נאָר גראָד דורך דעם פאסיוו זיין. מיר דערקענען דאָס אבסאָלוטע דורך דעם נישט דענקען, דורכדעם, וואָס אונזער קערפער באפרייט זיך פון גייסט.

איר האָט נישט באמערקט אמאָל, מיין פריינד, ווי אייער גייסט האָט זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט, ווי איר וואָלט אויף א רגע אויפגעהערט צו לעבן. אָט אָ דער בלויז האָט זיך אריינגערעכנט אין אייערע יאָרן, אָבער איר קענט אונז פאר־זיכערן, אז איר האָט דעמאָלט גאָרנישט געטראכט, איר האָט אפשר געטאָן עפּעס פאסיוועס, גאָרנישט נישט טוענדיק. דאָס איז דער אויגנבליק פון נעגאציע, ווען מיר דערזעען דאָס וויכטיקסטע, דעם לעצטן סוד פון דער וועלט. עס איז אָפּגע־פאלן אויף א רגע דער גייסט און אין אָט דער אויגנבליקלי־כער אומאקטיוויטעט האָט דער קערפער נישט געהאט די מעגלעכקייט אָפּצוטיילן זיך פונם קאָסמאָס, ער איז פארשוואונדן געוואָרן אין דער איינציקייט פון דער וועלט, ווי אן ענדלעכ־קייט אין אן אומענדלעכקייט; עס האָט זיך ביזן גרונט נעגא־טיווירט אונזער „איך" און ער איז געוואָרן וועלט, מענטש־וועלט. — — —

ליבער פריינט, — האָט ער שוין גערעדט אביסל צו הויך און זיינע אויגן זיינען אים געווען פייכט, פייכט — איך האָב אַ מענטשן, וואָס מען רופט אים אברהם׳ל בעל תענית, גייט ער ארום אויף דער וועלט פאַזע די הייזער און ער זינגט שט־לערהייט צו זיך אַ לידעלע אזא און דערנאָך שווייגט ער. עס איז דער איידלסטער מענטש, וואָס איך האָב אמאָל באגעגנט. ער טראָגט אין זיך עפּעס אַ שטילע, שוידערלעכע אנונג פון דער וועלט, און זיין בלוט איז אים די גאנצע צייט צו שווער. און איך ווייס נישט, ליבער פריינט, פארוואָס מיינט ער, אז עס איז נישטאָ קיין מענטש איבערהויפּט און אז נאָר גאָט קריכט דאָ ארום אויף די בערג און אויף די וואסערן״. —

און אין גאָרטן האָבן זיך געשלענגלט די ראָזע סטעזשקעלעך צווישן די בוימער, ווי געדאנקען פון דער ערד. עס איז אונטערגעגאנגען די זון. און דאָ נישט ווייט אין אַ פּערלאָזענער סאזשלקע האָט פון אונטער אַ קופּע שטיינער ארויסגעשפריצט אַ דין וואסערל, וואָס האָט זיך פאמעלעך געפּערלט אין דער ראָזער שטילקייט. פריילן גנעסיע איז געזעסן טיף צענומען פון איר שעמעוודיקן געפיל צו מארקוסן און זי האָט נישט געקוקט אויף אים, און נישט גערעט, טאָמער וועט זי זיך צעוויינען. און קיינער איז אין גאָרטן נישט געווען. מרדכי מארקוס האָט זיך צונויפגעקליבן אויפן באנק, ער האָט געקוקט מיט נאסע אויגן אויף דעם זון-אונטערגאנג.

— און אָט דאָס איז ער: דער אונטער-מענטש, דער מענטש-וועלט, וואָס מען זעט אים נישט ארויס פון דער וועלט, און וואָס די וועלט זעט מען נישט ארויס פון אים.

און ער האָט אָנגעהויבן שטיל און הייזעריקלעך אזוי צו רעציטירן עפּעס אַן אלטע ליד פון אלטע ספרים:

מען קוקט אים נאָך און מען זעט אים נישט;
זיין נאָמען איז: גלייך.

מען האָרכט נאָך אים און מען דערהערט אים נישט;
זיין נאָמען איז: פיין.

מען ציט זיך נאָך אים און מען קאָן אים נישט ארומ־נעמען;

זיין נאָמען איז: קליין.

זיין אויבן איז נישט קלאָרער און זיין אונטן איז נישט טריבער.

אָן א גרעניץ קוועלנדיק —
מען קאָן אים נישט אָנרופן;
ער דערגרייכט צוריק אין דעם נישט זיין.
דאָס איז עס, וואָס עס הייסט געשטאלט אָן א געשטאלט,
און וואָס עס הייסט דאָס בילד אָן א בילד.
אים אנטקעגן קומענדיק זעט מען נישט זיין פנים,
און נאָכגייענדיק זעט מען נישט זיין צווייטע זייט.

מארקוס איז אנטשוויגן געוואָרן, נאָר באלד האָט ער דערהערט נעבן זיך די פריילן גנעסיע, ער האָט זיך אומגע־קוקט און דערזען איר א וויינענדיקע, זי האָט געהאלטן אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, דאָס טיכעלע ביי די אויגן און קוים־קוים אויפגעצוקט מיט די אקסלען. איז ער פארוואונדערט געוואָרן און גרוילעך צארט זיך צוגעבויגן צו איר:

— איז עס דען אזוי טרויעריק, וואָס איך האָב דאָ פאר אייך פאָרגעלייענט, הא?

פריילן גנעסיע האָט זיך אָבער גאָר אומגעריכט אראָפּ־געבויגן צו אים אויפן ברוסט, זי האָט שטארק געוויינט און אדורך דעם ביטערן געוויין האָט מארקוס קלאָר געהערט, ווי איר שטים האָט זיך געבעטן, געבעטן:

— מרדכי, איך האָב אייך ליב... כ׳קאָן נישט מער, מרדכי — — —

ער איז דורכאויס געוואָרן רויט ביז אין די שפּיץ־פינ־גער אריין, פארלאָרן זיך איינגאנצן, ווי א קינד טאקע, און ער האָט נישט געוואוסט צעטומלטערהייט, וואָס מען דארף דאָ ענטפערן.

---

צו א שדוך איז עס דאָך דעמאָלט נישט געקומען.

## 16
# די געזעלשאפט...

אין אָוונט האָט אַ געל-דארער בליצל אַ שניט געטאָן שארף, ווי מיט אַ דימענט איבערן הימל. די בירגער, אומגעריכט פארבלענדעטע, זיינען מיט געשרייען ארייַנגעלאָפן אין די שטיבער און פערהאקט קודם כל די לאָדנס. (וואָס איז אַ ביר-גער אָן לאָדנס)? ר׳ יודע, וואָס איז געזעסן ביים זעקל האָבער אין קלייט זיינער, האָט זיך אויפגעטשוכעט בהרחבה, נאָר ייסלעכוויז און וואונדערלעך צוריק אייַנגעדרעמלט — מיט שטארע, אָפענע אויגן.

עס האָט געבליצט.

די פּאָספארנע לאַנגע פייערן האָבן געבלאָנדזשעט איבערן הימל, ווי אונטער אַ קאלטן, בלויען גלאָז און אין דער שטיל-קייט האָבן זיי אויסגעזען, ווי געשרייען, וואָס נאָר די אויגן קענען אויפנעמען.

עס האָט זיך ארויסגעשלעפּט פון הינטער די בערג דער עק פון אַ כמארע אַ צעריסענער. זי איז שווער געקראָכן, די כמארע, פון די בערג ארויס טליענדיק און גרוי, און זי האָט הייס געטעמט איבערן שטאָט ארויס קייקלענדיק אויפן הימל באָך שווארצערע קנוילן פון זיך אינעווייניק.

די צלמים און די הויכע טורעמס פון שטאָט זיינען געשטאנען פערגליווערט אין דער טונקעלער שטילקייט.

מען האָט געוואַרט.

אבליץ האָט אויפגעשפּאָלטן דעם הימל! ס'האָט אויפגעבלויט פּלוצלונג און אויף אַ רגע די הייליקייט פון אן אנדער וועלט. און מיט אמאָל האָט ארויסגעבראָכן א דונער מיט א ווידערקנאַלעריי, ווי ער וואָלט זיך ערגעץ פארפּלאָנטערט און אראָפּגעפאלן נישט טרעפענדיק אין ציל.

שטאָק-פינסטער,

אין הימל צווישן די כמארעס איז ארויסגעשוואומען א קאָפּ. ער האָט זיך געוויגט מיט צוגעשלאָסענע בלאָנדע וויעס צווישן די כמארעס, שטיל, שטיל אראָפּגעגליטשט זיך פון איין וואָלקן אויף דעם אנדערן, און דער שארבן, דער גרויסער און נאקעטער, האָט קאלט אָפּגעשיינט פון די בליצן.

דעם דאָקטאָרס אלטעטשקער דינער איז אראָפּגעלאָפן מיט אן אויפגעשטעלטן קאָלנער פון גאניק און איילִיק גענומען צומאכן די לאָדנס; ער האָט בייז געשריען צום שטוב איבעווייניק מען זאָל אים עפּעס דאָרטן זען צו העלפן.

עס האָבן ארויסגעשפּריצט געציילטע, גראָבע טראָפּנס פון הימל, א קלאַפּ געטאָן הילכיק, ווי מיט פינגער, איבער די בלעכענע דעכער און אויפגעהערט. און מיט אמאָל האָט זיך אָפּגעריסן א דונער פון גאָר נאָענט. דער בורזשוי-קאָפּ האָט זיך איבערגעקערט צווישן די כמארעס און איז פארפאלן געוואָרן. עס האָט אראָפּגעפליוכעט דער רעגן אין גאנצע יריעות וואסער, דער ווינט האָט עס צעטראָגן, ער האָט געהויבן און געוואָרפן די בלאנקע וואסער-בלעכן איבער די גאסן, איבער די צעקודלטע ביימער.

קיין עלעקטריע האָט נישט געברענט.

ביים דאָקטאָר אין עס-צימער, וואו עס איז זיך צוזאמענגעקומען אייגענע געזעלשאפט, האָט מען אָנגעצינדן ליכט. פון דער טונקלעניש האָבן זיך קוים ארויסגעזען די אָפּגעמאָרעטע פּנימער. דער חבר ר', פערליידט א פוס אויף א פוס, איז האלב געלעגן אריינגערוקט אין דיוואן און געראויכערט פון זיין ליולקעלע. מרדכי מארקוס איז געזעסן ביים טיש בלייך און אָפּגעמאטערט, ער האָט געהאלטן דאָס שטעקעלע אין האנט און

געקוקט אַזוי זיך אויף די ווענט, אויפן באַלקן, אויפן שפּיץ נאָז. ביים אַנדער זייט טיש האָט מישע געוויקלט פּאַפּיראָסן, ער האָט אַריינבלאָזן אין די רורקעלעך און צוגעשאָקעלט זיך פאַרטאָן ביי יעדן פּאַרטיקן פּאַפּיראָס. און די פרײלן גנעסיע איז אויך געווען, זי איז געזעסן אין איר אָנטועכץ דאָרט אינם טונקעלן ווינקעלע ביי דער עטאַזשערקע (פרײלן גנעסיע האָט ליב געהאַט ביכער)! און זי האָט דעם גאַנצן אָוונט אַריינגעקוקט מרדכין אין מויל אַריין. עס איז נאָך געווען אין צימער סאָניעטשקע, וואָס האָט עפּעס היינט אויך געטרויערט און נאָך איינער אַ וואָוקסיקער, ברייט־פּלייציקער פאָרזיצער פון גאַרבער־פאַראיין, וואָס האָט אָפּגעשוויגן די נאַכט, זיצנדיק אַזוי אָנגעשפּאַרט מיטן פינגער צום געמבע.

דרויסן אין דער פינסטער האָט דער רעגן אַלץ געיאָמערט טאַפּנדיק מיט נאַסע לאַנגע הענט איבער די שטיבער.

מען האָט געשוויגן. דער חבר ר׳ פאָלגט נאָר פון צייט צו צייט אַ פאָרשקע טאָן מיט דער נאָז מורמלענדיק עפּעס צו זיך, ווי עס טוט צומאָל אַ שלאָפנדיקער, ווען עס קומען אים אויף שלעכטע חלומות.

— אַ רעגן, האַ?

— יאָ.

און מען האָט ווידער געשוויגן.

פון צווייטן חדר איז אַריינגעקומען ליעניאָטשקע אַ שטילע, אַן איבערגעשראָקענע, און דער אַלטער דאָקטאָר איז איר נאָכגעגאַנגען, איבערגעבויגן זיך און געמורמלט איר עפּעס אין אויערל אַריין.

נאָך יענעם פאַל האָט שוין דער דאָקטאָר נישט גערעדט מיט איר הויך, זיי האָבן זיך נאָך איבערגעשושקעט, אָדער גערעדט אויפן וואונק.

מישע האָט אַ קוק געטאָן אויף ליעניאָטשקען פון אַ זייט און ווי ער וואָלט גאָרנישט בעמערקט, געוויקלט ווייטער זיינע פּאַפּיראָסן. דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרגעסן. נאָך יענעם פאַל פלעגט זיך דער דאָקטאָר פון צייט צו צייט שטייענדיק פער־

געסן, נאָר ער האָט זיך תיכּף דערמאָנט און שוין אביסל צו גיך איז ער צוגעגאנגען און אָנגעצונדן אליכט ביים קלאוויר. ליענאָטשקע האָט זיך דעמאָלט רואיק רואיק אוועקגעזעצט מיטן רוקן צום צימער און לאנגזאם אויפגעעפנט דאָס דעקל פון קלאוויר. ער האָט איר צוגעטראָגן נאָטן און אָנגעוויזן אויף זיי, אויב די מיינט זי עס, און זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ

— יאָ.

אבליץ האָט ארייגעפלאקערט צווישן די שפאלטן פון די לאָדן, דער פּאָרזיצער האָט זיך אויסגעקירעוועט צו די פענסטער און נאָכדעם אקוק געטאָן, וואָס זאָגן אנדערע, אָבער קיינעם האָט עס עפּעס נישט געקימערט. איז ער צוריק אזוי געבליבן זיצן רואיק.

— עס איז אומעטיק, הא?! — האָט דער חבר ר' ארויסגעלאָזן דעם רויך פון מויל.

— יאָ, יאָ, אפילו אין די צייטן פון סאָציאלער רעוואָלוציע איז אומעטיק, חבר! — נאָר דער דאָקטאָר האָט אָפּגעהאקט אין מיטן און איבערגעבויגן זיך צו ליענאָטשקען זאָגן איר עפּעס אויפן אויער.

דער חבר ר. האָט געזויגן דעם רויך פון דער ליולקעלע, ארויסגעלאָזן ארום זיך קנוילן, און ער האָט זיך אלץ, ווי פון דרעמל געפּאָרשקעט מיט דער נאָז. ער האָט צונויפגענומען די ארומגערעמלטע אויגן אויפן פלאם פון ליכט און גערוט אזוי, גערוט אויף זיין שטייגער, ליגנדיק אָנגעשפּארט אויפן קישעלע פונם דיוואן.

דער פייפיאָל האָט עפּעס איילִיק אָפּגעזאָגט.

און דער דאָקטאָר האָט זיך ערשט געכאפּט, אז מארקוס געפינט זיך דאָ אויך אין צימער. ער האָט זיך אויסגעקירעוועט צושאָקלאָנדיק מיטן קאָפּ און צוזינגענדיק:

— מאָטל, מאָטל, ביסט שוין, משמעות, עובר בטל!..

ער האָט זיך אקער געטאָן צו אים, מרדכי מארקוס, אויפן שטול און מיט דער אייגענער רואיקייט וואָס פריער געבליבן אזוי פארקוקט אויף דעם דאָקטאָרס איבערגעבויגענע

פּלייצעס. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מען דאַרף אויף דעם ענטפערן. דער חבר ר. האָט אָבער דערווייל אָפּגעמאָסטן מאַר־קוסן מיט דעם בלויען אייז פון די אויגן, האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט, געוואָלט זיך דערמאָנען עפּעס און דערנאָך, ווי פון שלאָף, האָט ער אויסגעצויגן צו אים אַ פינגער:

— און אייער „מעטאַפיזיק” וואָס איז?

מרדכי מארקוס האָט געקוקט, און ער האָט זיך גריילעך געפילט, און עס איז אים זיין „מעטאַפיזיק”, דאַכט זיך געווען שוין צו קלאָר ער זאָל ריידן וועגן איר, האָט ער אַריבער־געפירט זיינע קליינע אויגן אויף מישען, ווי ער וואָלט גע־פרעגט ביי אים אַ ראָט — און מישע האָט געוויקלט די פּאַפּי־ראָסן, געשמייכלט צו אים.

— גאָרנישט.

— אָבער דאָך, דאָך?..

עס איז די פילאָסאָפיע פון נעגאַציע, — האָט פלוצלונג אַרויסגעשאָסן פון ווינקל פריילן גנעסיע און עס איז ערגעץ דאָרטן אין דער פינסטער מסתמא געקומען דאָס בלוט אין פּנים אריין.

— ווי? — האָט דער חבר ר׳ צוגעלייגט די האַנט צום אויער.

מרדכי מארקוס האָט זיך איבערגעבויגן און אנשטאָט דער פריילן גנעסיע האָט ער שוין געענטפערט:

— נעגאַציע. נעגאַציע, ווי אַן אַקט פון דערקענטעניש. מיר מיינען, אַז דער מענטש דערקענט די וועלט נישט דורך אַ פּאָזיטיוון פּראָצעס פון דענקען, נאָר דורך דעם נישט דענ־קען, גראָד דעמאָלט, ווען דער גייסט איז אָפּגעטיילט פון קערפּער, וואָס מיר רופן עס אָן: נעגאַציע.

— הם...

מיד גלויבן, אַז אויף אָט דעם געפיל פון דער וועלט דאַרף זיך אויפבויען די געזעלשאַפט. יאָ, מיר האָבן ליב די אָרעמעלייט, וואָס האָבן גאָרנישט וואָס צום געבן, די. וואָס גייען איבער די הייזער מיט די טאָרבעס אויף די פּלייצעס...

— ווייל עס זיצט אין אייך די נשמה פון אן אָרעמאן. — האָט בייז ארייגעזאָגט דער חבר ר׳.

— יאָ, יאָ, מרדכי מארקוס איז מיט אמאָל באלעבאס געווארן — איך מיין אויך אזוי. יאָ. האָט איר עס אויך באמערקט? באמת?

— באמת? האָב איך טאקע די נשמה פון אן אונטערמענטש?

דער חבר ר׳ האָט געשוויגן.

און אדורך די לאָדן האָט זיך ארייגעשניטן א דינער בליץ און א דונער האָט גלייך נאָך אים זיך אראָפגעלאָזן אָט דאָ ערגעץ נישט ווייט.

מישע האָט זיך אויפגעהויבן, ער האָט צונויפגעשארט דעם טאבאק פון טיש און געזאָגט שמייכלענדיק:

— עס איז באמת דאָ א שיינקייט אין די אָרעמעלייט. כ׳האָב אנומלטן געזען ביי א טיר אן אלטן בעטלער מיט א טאָרבע אויף די פלייצעס — אן אמתער אברהם אָבינו.

— אָבער אברהם אָבינו, מיין פריינד, איז דאָך נישט געגאנגען איבער די הייזער, נאָר איבער די געצעלטן. האָט אים איבערגעריסן דער דאָקטאָר.

ליענאָטשקע האָט אויף איר פאפען אויפגעהויבן שמייכלענדיק דעם קאָפּ, ער האָט איר גליקלעך אָפּגעענטפערט און מיט א ווּאונק אזא געפרעגט שוין פאראיינס, אויב זי איז נישט גרייט צום שפילן.

— אודאי

— אזעס טויט. — — —

סאָניעטשקע איז ארויס פונם מידן ווינקעלע, ווי עס וואָלט איר געשאדט די טונקלעניש צום הערן. דאָ ביים קלאַוויר איז זי געשטאנען א באנומענע און א גרויאינקע, ווי א שפערל, און זי האָט זיך צו געהאָרכט מיט די אויגן אויך. דרויסן האָבן שוין די וואסערן געפלייצט אין ברייטע פאליעס; עס האָט געריזלט פריילעך פון די ווענט און פון די דעכער אראָפּ מיט מעלאָדיע און מיט טראָפּנס וואסער.

און עס איז געלעגן דער חבר ר׳ אָנגעשפּאַרט און גע־טראַכט: פאַרוואָס איז זי, אַזע, אַזוי גרינג געשטאָרבן? זי איז אַריבערגעשוואומען, ווי אויף אַ ווייך שיפעלע אהין אין דער ליכט און פאַרוואָס האָט זי אַזוי נאַאיוו און מילד געשמייכלט, די אַלטעטשקע. צי דען ענדיקט זיך דאָס לעבן אין דער־ווייטנס מיט אַ מעלאָדיע?

און עס האָט געטראַכט דער חבר ר׳, אַז ער וועט שוין מסתמא שטאַרבן אַנדערש, צו אים וועט מען קומען מיט אַ קאָסע, און מיט אַ פאַרראָסטער קאָסע, ווייל ער וועט זיך נישט לאָזן, משמעות, און אַזוי גרינג וועט עס נישט אָנקומען, ביידע צדדים נישט...

ער האָט אויסגעשפּיגן פראָסט אויפן דיל און צוריק מיט דעם היטל איבער די אויגן פערזונקען געוואָרן אין דיוואַן. ער האָט געפּאָרשקעט מיט דער נאָז.

דער דאָקטאָר מיט אַן אויפגעשפּילעטן זשילעט אויפן שווערן בויך האָט זיך צוגעשאָקלט און מיט די קליינע, נאַסע אויגעלעך געוואָרפן בליקן אויף איטלעכן באַזונדער, ווי אַזוי יעדער הערט און ער איז געווען גריילעך דאַנקבאַר, וואָס מען זיצט געריירטע מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און מען „צאַנקט".

אָט דאָס וואָרט האָט ער טאַקע אַ טראַכט געטאָן — און מען „צאַנקט".

אָבער באַגייסטערט מער פון אַלעמען איז דאָך געווען אַליין — דער דאָקטאָר, ער האָט אין מיטן שפּיל אַ געשריי געטאָן אין דער ריכטונג, וואו ס׳איז געשטאַנען דער דיוואַן:

— מוזיק!... גיט אונז מוזיק אויף די גאַסן!... אָט וואָס... דעמאָלט וועלן מיר אייך אָפּגעבן די מאַכט... פריער נישט...

נאָר ווי אַזוי זאָל מען אים אָפּענטפערן דעם דאָקטאָר, אַז ער שטייט שוין ווידער איבערגעבויגן און שושקעט ליע־באָטשקען אויפן אויערל. אַלע האָבן געשוויגן, מען האָט עס, דאַכט זיך, אין דער רגע נישט געטאָרט. עס האָט זיך אומ־געריכט אויפגעהויבן מישע, ווי ער וואָלט פלוצלונג באַשלאָסן

עפעס גרייליך וויכטיקס און ער האָט אָפּגערופן דעם דאָקטאָר אָן א זייט:

— און וואו איז ער?

— ווער?

— ער?

— וואָס עפּעס מיט אמאָל?... כ׳ווייס נישט, — האָט זיך געוואָלט דער דאָקטאָר פון אים ארויסמאכן, נאָר ער האָט באלד צוגעגעבן אויפגערגטערהייט:

— אין שטאל ערגעץ ליגט ער, אין שטאל.

מישע האָט זיך פון אים וואוילויונגעריש אויסגעדרייט מיט א פייף אויף די ליפּן. און דער דאָקטאָר האָט זיך שוין גענומען גיכערהייט אווי צוריק צום פייפיאָל.

נאָר דאָ האָט פּאסירט ווידער א מאָדנע זאך, וואָס האָט אלעמען אינעווייניק אויפגעטרייסלט, הגם עס איז, אייגנטלעך, נישט געווען פאר דעם קיין גרונט.

מרדכי מארקוס איז אויפגעשטאנען אן איבערגעשראָקענער, און בלייך-בלייך, קוים וואָס מען האָט ארויסגעהערט פון אים די שטים, אָבער ער האָט געזאָגט דייטלעך:

— עס ווייזט אויס, פריינד מיינע, אז איך וועל די טעג שטארבן. אנטשולדיגט מיר, וואָס איך האָב דער־שראָקן, דאָס איז פאָרגעקומען פאר מיר אויך אומגעריכט. אָבער זעט, — האָט ער זיך געווענדעט צו דער פריילין גנעסיע — און מיר האָבן דעמאָלט א טראכט געטאָן, אפשר וועל איך עס שוין נישט באדארפן?...

און ער איז צוגעגאנגען אויף גיין און אראָפּגענומען דעם הוט ביים הענגער פון טיר און דערנאָך, שוין שטייענדיק ביים ארויסגאנג, האָט ער זיך אויסגעקירעוועט צו אלעמען, וואָס זיינען נאָך אלץ געזעסן, ווי זיי וואָלטן ניט גוט פאר־שטאנען, וואָס עס קומט דאָ פאָר.

— זייט מוחל, וואָס איך האָב אייך איצטער באאומ־רואיקט... זייט מוחל, פריינט מיינע! זייט מוחל... און ער

האָט זיך טיף פאַרנויגט ביזן האַלבן קערפּער. וואָס עס האָט באַטייט אַ מין מחילה־בעטן פון זיין זייט.

די פריילן גנעסיע איז אויפגעשטאַנען. זי האָט אַרויסגעלאָזן צו אים אַ געשריי, ווי אַ הון, אָבער מער נישט, דער ברייט־פּלייציקער פּאָרזיצער האָט איר דאָ געגעבן אַ כאַפּ אויף זיינע הענט און מען האָט איר צוגעטראָגן שוין אַ העשעדיקע צום דיוואַן.

## 17

# ר׳ יודע

אויפן ברוק פון שמאָלן געסעלע איז געלעגן א פירקאנטיק בלעטל שיטערע ליכט פון א פענסטער. אומעטום זיינען די לאָדן געווען פארשלאָגן.

מישע האָט שפעט אין דער נאכט געשפרייזט אדורך דעם מויטן געסעלע אהיים. עס האָבן זיך שווער אָפּגערופן די טריט צוברענצלענדיק אין דער שטילקייט מיט דעם אייזן פון דער שפאגע זיינער איבערן ברוק. ביים פענסטערל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט:

א נאקעטע, גרויע, פירקאנטיקע שטוב. אויפן וואנט אנטקעגן איז געהאָנגען אן אלטער זייגער מיט בלימעלעך אויף דעם ציפערבלאט. איין גרויסער ווייזער איז אויף איס ארומגעגאנגען, א רוק געטאָן זיך און אוועקגעגאנגען, א שפרונג— און אוועקגעגאנגען.

אונטערן זייגער, ווי צוגעשלאָגן צום וואנט, איז געשטאנען ר׳ יודע און געשלאָפן. ער איז געשטאנען מיט אראָפּגעלאָזענע וויעס, אן ארבל אין אן ארבל, און דער לאנגער דראָט פונם פאָמפּענדיקל האָט זיך מיט גרויס מי באוועגט הונטער זיין צעפּאטלטן היטל.

קיין בענקלעך זיינען אין שטוב נישט געווען. דעם גאנצן צימער האָט פארנומען א טיש איבערגעדעקט מיט אן אלטער

בערעסע, וואָס איז געוועזן א מאָל באמאָלט מיט די אייגענע בלימעלעך, וואָס דער ציפערבלאַט. אויפן טיש אין א שמאָלן צעבראָכענעם טעלער איז געלעגן אויסגעצויגן א הערינג. א לאנגער, דארער הערינג. דערביי האָט געברעגט א ליכטל אריינגעשטעקט אין א שבת׳ניק.

מישע האָט אויף גיך צוגעכאפט די אויגן פונם פענסטער. עס האָט אים עפעס באנג געטאָן.

## 18

# מישע טוט זיין זאך און מרדכי טוט אויך זיינס...

בור איין בלייך געזיכט האָט א קוק געטאָן מיט חשד דורך א פענסטער. מע האָט עס באמערקט. און אויף א גאניק איז געזעסן דער אויסגעמאָרעטער קליינבירגער און געשמייכלט. א ברוינער רייטער, אין א פאפאכע, האָט אוועקגעיאָגט אראָפצו, און איז פארפאלן געוואָרן, אין איין אָטעם שוין, אינם שטויב פון אהינטערן שטאָט.

עס האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן אין דער רעוואָלוציאָנערער שטאָדט.

פאראן די וואסער-ווערים, וואָס ליגן אין זייערע העלצלעך, אויפן גרונט פון די טייכן, זיי שטעקן צומאָל ארויס די לאנגע הערעלעך פון די שטיבער און זען, און האָרכן, אָבער ביי א סכנה בלייבן ליגן פון זיי, נאָר קאלטע העלצלעך אין שליים.

די מאסע, די מאסע אין שרעק!

זי קוקט דורכן בוידים, פון אהינטער א פארקן, אָבער זי איז נישטאָ; זי זעט און האָרכט; אירע אויגן פלאָנטערן זיך דאָ און דאָרט צווישן די פיס, אָבער זי איז נישטאָ.

קיינער האָט נישט געזען אָט די מאסע.

עס ווערט דערשראָקן שטילנקערהייט א מענטש, און ביים עק שטאָט, הינטער אן אויוון, צאפּלט זיך א האריז, וואָס זעט די קויל, ווי זי איז ארויס און איז אריין און האָט דורכגע־לעכערט דעם שארבן. די מאסע באדארף נישט קיין אויערן — זי האָרכט, און נישט קיין אויגן — זי זעט. און אויב עמיצער איז אומגעקומען, האָט מען עס איר, איר געטאָן. עס שווייגט די מאסע גרויזאם, ווארום עס איז א סוד. א געשריי רייסט זיך ארויס — פארטייעט זי עס, בלוט — פארדעקט זי עס. און דורך די ווענט פון גאס צו גאס, פון איין שטוב צו דער אנדערער, זאָגט זי אָן:

— שוויג, שוויג, רעט נישט הויך!..

מרדכי מארקוס איז געלעגן אויף דעם חרוב׳ן סאָפּקעלע, אריבערגעדעקט מיט א קאָלדרע איבערן קאָפּ, און עס האָבן גאָר ארויסגעשטארטשעט פון איס די פּאָר לאנגע פיס. ער איז געלעגן פארמיחושט און געהאָרכט, מחמת אזוי האָט זי באפוילן און ער האָט געהערט און געזען, געזען, ווי אומע־טום גיסט זיך בלוט. פונוויטן האָבן זיך דערטראָגן געפּרעסטע טריט פון מחנות, עס האָט געשמעקט מיט פרעמדן, ווילדן לייב, און אויגן זיינען ארומגעפלויגן — — —

מישע האָט אריינגעיאָגט צו זיך אין שטוב אריין מיט א ביקס אויף די פּלייצעס. דאָרט אין שטאָט האָט עס שוין ווידער געקלאפּט און געטשירקעט פון די קוילנווארפער, אָבער מיט אזא סדר, אזוי רואיק און אזוי שטיל. (עס איז קיינמאָל נישט אזוי שטיל אין א שטאָט, ווי דעמאָלט, ווען עס קומט פאָר אין איר א שלאכט). ער איז דורכגעלאָפן די אומעטיק־טונקעלע צימערן און קיינעם נישט געפונען. דער דאָקטאָר מיט ליענאָטשקען האָבן זיך שוין, ווייזט אויס, באצייטנס אריבערגעקליבן. האָט ער אן עפן געטאָן די אלמערס, ארויס־געוואָרפן די קליידער אויפן דיל, און אין איילעניש צונויפ־געפּאקט פאר זיך א קליין פּעקעלע. און ערשט איצט האָט

מישע באמערקט, אז ביי זיין פאפא אין שלאָפצימער הענגט איבערן פענסטער א קאנאריקל אין א שטייגעלע. צווישן די דרעטלעך דאָרט איז געלעגן א שטיקל צוקער און דאָס פייגעלע האָט געהאלטן פאררייסן דעם גופ'ל אויף ארויף און האָט עס הונגעריק ארויסגעגסן. די שויבן האָבן אָבער שוין פון צייט צו צייט צוגעפלאטערט פון דער שיסעריי. ער איז ארויף, אראָפגענומען דאָס שטייגעלע און עס אוועקגעשטעלט אויפן דיל ביים פענסטער.

פון הויף האָט אים ווער א רוף געטאָן, מען האָט, ווייזט אויס, דאָרטן אים אָפגעוואַרט, אָבער ער האָט זיך נישט געאיילט. עס האָט אין אים דערוואכט אויך אזא טונקלקייט, ווי אין אָט די אייגענע טרויעריק-טונקעלע צימערן. די שווערע דעמבענע בעטן, וואָס איינע פון זיי איז שוין געשטאנען פארבעט פון יענער צייט, ווען זיין מאמע איז אים געשטאָרבן, און דער שטויביקער שאָטן פון די זיכער-געבויטע אלמערס און קאָמאָדן האָבן אים לעבעדיק און נאָגנדיק ארומגענומען. ער האָט זיי דערפילט, ווי א צווייטן קערפער, א דובלט-קער-פער, וואָס דארף זיך איצט פון אים אָפטיילן. און עס האָט אים באנג געטאָן.

פאוואָליע איז ער צוגעגאנגען און פונאנדערגעעפנט די טיר צום עסצימער; די שטויביקע, אייגענע שטילע טונקלעניש, נאָר עפּעס, עפּעס האָט זיך דאָרט א רוק געטאָן אין ווינקל. ער האָט ארייגעשטעקט דעם קאָפּ און פלוצלונג דערזען: אין דער טונקלעניש, ביים אויוון, רייטנדיק איבער א שטול, איז געזעסן דער ברודער זיינער, און עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט עס אזוי געוואַרט אויף אים. ער האָט געהאלטן, ליאָניק, פארלייגט די הענט אויפן שטול-ווענטל און מיט שטארע, אָפּע-נע אויגן ארויסגעקוקט סתם אזוי. די אויגן זייערע האָבן זיך באגעגנט, אָפגעשטעלט זיך, און ביידע האָבן אויסגעטראָגן לאנג און שווייגנדיק דעם איצטיקן משונהדיקן בליק. אָבער, ווייזט אויס, אז מען האָט זיך צוזאמענגערעדט, מחמת ליאָניק האָט זיך פונאנדערגעלאכט מיט א בייזן, זלידנעם, געלען געלעכ-

טערל און מישע האָט רואיק און פאמעלעך גענומען אראָפּנע־מען דעם ביקס פון די פּלייצעס. מישע האָט באַטאפּט אזוי אויסגערעכנט דאָס קוילנשלעסל און אלץ געקוקט אהין, געקוקט אויף דעם אָפּגעקראָכענעם פנים פון דעם ברודער זיינעם. ער האָט אויסגעשפּרייט, ליאָניק, אויפן שטול־ווענטל די פלאכן פון די הענט, אָנגעשפּארט אויף זיי די גאָמבע, און געוואַרט.

— נו???

עס האָט א זעץ געטאָן א פייער.

מישע האָט אדורך דעם רויך דאָך דערזען, ווי עס האָט זיך איבערגעקערט דער שטול, א פּאָר פיס האָבן א פאל געטאָן אויף אהינטער, אריבער זיך, און עס האָט זיך ארויסגעהערט קלאָר, קלאָר, ווי בלוט האָט געגאָסן, ווי טראָפּנס שווערע האָבן געקלאפּט אָן דער פּאָדלאָגע. אָבער קיין געשריי האָט זיך נישט געהערט, זיכער נישט.

שטיל.

ער איז ארויס פּאַרזיכטיק, צוגעמאכט ביידע האלבע טירן פון עסצימער, און זיך צוגעהאָרכט. עס איז שטיל. אויף גיך האָט ער א כאפּ געטאָן דאָס פּעקעלע, ארומגעקוקט זיך נאָכ־אמאָל, און איז ארויסגעלאָפן אדורך דער הינטער־טיר.

סאָניעטשקע האָט געוואַרט אויף אים אין הויף. זי איז געשטאַנען ביים וואנט, אָנגעטאָן אין א לעדערנער קורטקע און מיט א רוקנזאק אויף אירע שמאָלע אקסלען; ער איז צוגעלאָפן, נישט קוקנדיק אויף איר, און איבערגעגעבן דאָס פּעקעלע זיינס, זי האָט אפּערגעהויבן צו אים די שמאָלע, בלייכע גאָמבעטש־קע, געוואָלט אים פרעגן, וואָס האָט עס פּאסירט דאָרטן אינע־ווייניק, אָבער ער האָט נישט דערלאָזט, האָט זיך געאיילט. ער האָט איר אויף גיך א קוש געטאָן; אָנגעוויזן מיטן האנט אויפן עק הויף, און שוין זי גענומען פארן האנט פירן אהין. דאָרט האט ער זי ארויסבאגלייט, אדורך דעם אויפגעבראָכענעם פּארקן, אין די פעלדער אריין, א קוש געטאָן נאָכאמאָל, און געהייסן דאָס גיכער ארויסקריגן זיך פון דער שטאָט ארויס. אליין האָט

ער זיך אומגעקערט צוריק צום טויער, האָט אים פאַרזיכטיק און אינגאנצן אויפגעעפנט, און איז ווי ארייַנגעשפרונגען אין דער גאס אריין.

דער שונא איז געלעגן צווישן די גראָבע ווענט פון די טויערן. איינציקע קעפ, ווי ווערלישע ניס, פלעגן סאמע ביי דער ערד, פון צייט צו צייט, אקריך טאָן פון די רינוועס ארויס און צוריק תיכף אריינגעשלעפט ווערן. ער איז געגאנגען, טראָט ביי טראָט, פאר די ווענט, צוגעהאָרכט זיך מיט דעם גאנצן קערפער צו דעם ארום, און ער האָט זיך איבערגעשאָסן, איבערגעשאָסן... און מיט אמאָל האָט אים עפעס א גרויסע פרייד אדורכגענומען, ער האָט קיינמאָל אָט אזוינס נישט געשפירט:

— א י ך ט ו מ י י ן ז א ך !

ס'האָט פון אים ארויסגעשטראַלט אזא שטארקע ליכט, וואָס ער האט זי, דאכט זיך, געקאָנט אָנטאפּן מיט די הענט. ס'איז אים אויסגעקומען, אז ער איז וויכטיקער פאר דער שטאָט; אין זיינע הענט ליגט דער מזל פון אָט די אלע וויסטע מענטשן און גאסן. און ער האָט גאָר ביז איצט נישט געפילט די דאָזיקע כּוחות זיינע! דאָס הארץ האָט אין אים געשלאָגן ברייט און טיף און ער האָט עס געטראָגן אין דער ברוסט, ווי א פערד. עס האָבן זיך געצונדן פייערלעך אין די טויערן, און ער האָט געשפאנט אויף זיי, און פארביי זיי, מיט דעם ביקס, וואָס האָט, ווי פון זיך אליין, זיך אויסגעלאָדן אין די הענט. קיינמאָל האָט ער אזוי נישט געשפירט יעדן איינציקן מוסקל פונם קערפער, און ער האָט אים איצט אזוי ליב באַקומען, דעם געשפאנטן קערפער זיינעם, וואָס ער האָט אים געטראָגן אויף זיך, ווי אויסגעגאָסן פון בראָנז. נאָר איצטער האָט ער פארשטאנען פלוצלונג, וואָס עס הייסט מ ע נ ט ש.

דער מוט פון אים האָט ארויסגעפראַלט, אָבער מיט אזא אימפעט, אז ער האָט געפילט, ווי דער קאָפּ פליט אים אראָפּ פון די אקסלען, און ער האָט אים געזען, אָט דעם קאָפּ זיינעם, פאַראויס, און ער האָט געשמייכלט צו אים:

— איך פֿו מיין זאַך!

אויף די טעלעגראַפֿנדראָטן איז געהאָנגען דאָס אָפּגע־קראָכענע, פֿערעלטערטע פּעלכל פֿון דער געפֿגרטער קאַץ; די אויגן — אויף דאָרע אָדערלעך האָבן זיך געבאָמבלט ארום דעם צעפּוילטן קאָפּ, און אינעווייניק, אין דעם אָפענעם בויך, איז שוין געווען שווארץ און פּוסט.

אי, חבר! אי, חבר! פֿאַרוואָס האָט מען נישט באַצייטנס פֿאַראָרדנט אראָפּצונעמען די קאַץ פֿון די טעלעגראַפֿנדראָטן??

און איצט איז שוין צו שפּעט. קיינער איז שוין איצט נישטאָ אויף די גאַסן. ערגעץ נאָך ביי אַ וואַנט שטייט אַ ביקס. און עס ליגט אַ שטיוול אויפֿן מיטן גאַס — — —

אין אַהויקערדיק, שמאָל געסעלע, ביי אַ קוילנוואַרפֿער, איז ער געלעגן, מישע, אויסגעצויגן אין דער בלאָטע, גריילעך קלאָר געצילט און פֿאַרזיכטיק ארויסגעצויגן די קוילנטאַשמעס אויף אַהינטער זיך. דאָרט, ביים עק געסל, האָט זיך דער שונא געוואָרפֿן אין די טויערן און ער איז דאָ געלעגן ארום־גענומען מיט שטיינער, העלצער, אָפּגעבראָכענע פּלויטן, אַ זייט פֿון אַ טויער, אַ מולטער און כסדר האָט ער געראַכערט פּאַפּי־ראָסן, וואָס זיינען געלעגן דאָ נעבן אים, צעשאָטן אויף דער ערד. דעם זייגער האָט ער דאָ אויך געהאַט פֿאַר די אויגן אויף דער ערד. פֿיו!

עס איז געווען אַ מוטנער פֿאַרנאַכט, די וואָלקנס האָבן זיך געקייקלט אונטן אדורכן געסעלע, גרויע און טרוקענע, מער נישט, כדי צו פֿאַרמיאוסן די וועלט. און אַלץ איז שוין געווען איבעריק. מישע האָט אריינגעשאָסן אין דער שטאָט אריין, ווייזט אויס, שוין וועמען אויף צו להכעיס, מחמת עס איז שוין באמת גאָר קיין תּכלית נישט געווען ליגן ערגעץ אין אַ זייטיקן, נישט וויכטיקן געסעלע און שיסן מיט אַ פֿולן פֿייער אין קיינעם נישט. ער האָט זיך ארומגעקוקט, עס איז אים גוט באַקאַנט געווען דער אָרט, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען איצטער וואָס האָט ער געהאַט פֿאַר

א שייכות מיט אָ דעם געסעלע. די קליינע בוידים-שטיבלעך האָבן זיך אראָפּגעבויגן איבער אים קרומע, דארע, מיט שווארצע פענסטערלעך, ווי פארחלשטע קעפּ. און ער האָט זיך דערמאָנט, ער האָט ארויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעזוכט דאָס פענסטערל און ארויפגעשריען:

— מארקוס! הא, מארקוס?! —

אויבן אין בוידימל, פון א הינטער די ביישטידלעך, האָט זיך באוויזן דער קיילעכדיקער קאָפּ מארקוסעס מיט א שרעקלעך לאנגן, ווייסן נאָז, וואָס איז אים מיאוס נאָכגעהאָנגען; ער האָט אראָפּגעקוקט מאָדנע ערנסט און בלייך. מישע האָט צו אים א שמייכל געטאָן און מארקוס האָט אים אויף דעם פּאָרזיכטיק אָפּגעענטפערט מיט א שאָקל פונם קאָפּ, וואָס האָט, אגב, אויך באטייט באזויערונג. זיי האָבן נישט גערעט. און עס איז דאָך שוין געווען קלאָר אלץ. מארקוס האָט זיך נאָר באאומרואיקט, וואָס ער ליגט דאָ, מישע, איינער אליין, צווישן דעם שונא. און ער האָט אים טאקע געוואָלט ווארענען, נאָר ס'איז שוין, דאכט זיך, אויך געווען צו שפּעט.

פונם געסל, וואָס איז געלאָפן אין דער ברייט, האָבן זיך פלוצלונג דערטראָגן געשרייען, מען האָט דאָרטן געבראָכן פענסטער. מארקוס האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און. א פארלאָרענער שוין, גענומען שרייען מיט ווילדע קולות און מאכנדיק מיט די הענט:

— אי, אי. מען רינגלט דיך ארום, מישע! מען רינגלט דיך ארום!

מישע האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט א כאפּ געטאָן דעם זייגער פון ד'רערד און איז אראָפּגעלאָפן גלייך, גלייך, אויף אראָפּ געסל צו. אויף דעם קליינעם טראָטוארל דאָרטן, וואָס האָט זיך געדרייט אינם קרומען געסעלע, ווי א דינער ווערימל, איז ער פארשוואונדן געוואָרן צווישן די שטיבער, און מארקוס האָט נישט באמערקט, עס זאָל זיך ווער באווייזן אים נאָכצויאָגן.

ער האָט אָפּגעאָטעמט. די הענט האָבן ביי אים געצי־טערט. קוים וואָס ער האָט צוגעמאכט דאָס פענסטערל, האָט זיך צוגעשלעפּט צום סאָפּקעלע זיינעם און איז אנידערגע־פאלן אויף אים שוין גאָר אָן כחות איינגאנצן. ער האָט זיך, אָט אזוי ליגנדיק, גענומען צוהערן צום גאנג פון זיין בלוט, וואָס האָט נישט געהאט איצטער קיין גערולד צו פּערקירעווען אין די אָדערן, און איז געבליבן שטעקן אזוי אומעטום, אין יעדן ווינקעלע פונם קערפּער. און דער קאָפּ זיינער איז סתם געלעגן דערביי א זייטיקער און א שווערער, ווי א האָלץ, עפּעס ווי אויסגעדינט, וואָס ער קאָן שוין קיין שום נוצן נישט ברענגען.

עס האָט אויסגעשאָסן. מען האָט אויסגעשאָסן אונטן, פאמע ביי דער שטוב. ער האָט זיך א קער געטאָן, געבליבן זיצן אָנגעשפּארט אויף א זייט, און דעם קאָפּ ארייגעדריקט מיט נאָר די קרעפטן אינם וואַנט אריין:

ד אָ ס ק ו מ ט מ ע ן צ ו א י ם !

אָבער עס איז שטיל, אזוי נאקעט און אָפן איז די שטילקייט, אז מען קאָן ארויסהערן, וואָס עס טוט זיך אהינ־טער אלע זאכן. עס איז אים אוממעגלעך צו גלויבן, אז ער וועט איצט שטארבן, אין דער צייט, ווען אלע, אלע זיינען פאר־בליבן לעבן און אפילו מישע, וואָס האָט פארדינט דעם טויט — האָט ער געטראכט — איז אויך אנטלאָפן.

אָט.

דאכט זיך, אז מען גייט צו אים אויף די טרעפּ. ער האָט זיך אויף גיך אריבערגעדעקט איבערן קאָפּ און פארהאלטן דעם אָטעם. נאָר אפשר האָט זיך עס אים אויסגעדאכט. מען גייט. מען גייט. מען ג י י ט ! ! !

די טיר האָט זיך פונאנדערגעעפנט, עס האָט זיך ארייג־געריסן א ווינט, און עפּעס א טויבער געשריי. און אָט האָט מען אים אראָפּגעכאפּט פון דעם סאָפּקעלע. ברייטע, פלאטשיקע פנימער ארויפגעזעצטע אויף פלייצעס אָן העלזער, רוקן זיך

ארום אין שטיבל, ווי ארויסגעלאָזענע פון ערגעץ א שטייג. מען שרייט. ער ענטפערט נישט, און דערפילט זיך עפּעס מיט אמאָל בכלל זייער רואיק. עס ליגט שוין אריבערגעקערט דאָס טישל, צעוואָרפן די קליידער, און די ביכער וואלגערן זיך אויף דער ערד, און ער גייט ארום צווישן זיי מיט א שמייכעלע אויפן פנים, וואָרום ס'איז קלאָר, אז א טעות איז דאָ פאָרגעקומען. מען רעדט צו אים און ער ווייסט נישט, ער ווייסט דאָך גאָרנישט:

— ניין — זאָגט ער — איך ווייס נישט...

און דאָ האָט מען אים געגעבן א זעץ מיט עפּעס סאמע אונטערן לעפעלע, ער האָט זיך אומגעקוקט און געשמייכלט אליין. מאָדנע, עס האָט אים נישט ווי געטאָן. נאָר איצט וועט ער שוין סיי-ווי-סיי געהאָרכן, וואָס מען וועט אים באַפעלן. ער טוט זיך אויס, בלייבט א באָרוועסער און אין איין העמד, ער פערדעקט מיט די הענט די קני און האלט זיי צונויפגעדריקט, ווייל עס איז אים קאלט.

מען הייסט אים אזוי אראָפגיין אונטן אין הויף אראָפּ. עס איז אביסל צו קאלט — שמייכלט ער — נאָר ער גייט. און דאָ האָט מען אים שוין ווידער געשלאָגן, עטלעכע קלעפּ בלויז, און שוין נישט אונטערן לעפעלע, נאָר ערגעץ גלייך אין קאָפּ אריין. עס איז אים ארויסגעשוואומען פאר די אויגן אברהמל בעל-תענית, וואָס איז געשטאנען דאָ אונטן, אין הויף, ביי א וואנט, ארויפגעוואָרפן די קאפּאָטע אויפן הוילן לייב. און ער האָט געקוקט אויף אים מיט טרערן אין די פערבלאָטיקטע אויגן, און ער האָט אים, דאכט זיך, געטרייסט, אז אזוי מוז זיין, מחמת עס איז סיי ווי קיין באלויגונג נישטאָ. און ער האָט דערזען אויך די איבעריקע קורצע צדיקימלעך, ערגעץ ביים ברעג הימל, וואָס זיינען זיך געגאנגען אליין, מיט די אייגענע הענט זיך א מעשה אָנטאָן. עפּעס א קאלטע וואנט פון ציגל געפינט זיך דאָ הינטער אים. ער פּאפט זי אָן אזוי פון הינטן, קערט זיך אום, און פארשטייט מיט אמאָל, אז דאָס האָט מען אים אוועקגעשטעלט אָט אָ דאָ

צום דערשאָסן ווערן, און ער טוט אַ זאָג פּלוצלונג זייער קלאָר און מיט כּעס:

— מיינע הערן, אָט דאָס וויל איך נישט — —

עס האָט אָבער אויסגעשאָסן און עפּעס האָט אים אַ גראבל געטאָן אונטערן פּאכווע, ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט פּאמעלעך אויף דער ערד, און האָט אָפּגעאָטעמט לייכט, וואָס ער איז אַזוי גרינג מיט דעם אָפּגעקומען.

## 19

# די קורצע צדיקימלעך זיינען ווידער דאָ

די אָפּגענארטע, קורצע צדיקימלעך זיינען נאָך טאקע ארומגעגאנגען איבער דער וועלט. בלויז ר׳ בערעלע פון לוּבינעץ האָט זיך ערגעץ פארקליבן אין א העק פון א וואלד, און האָט זיך אויפגעהאָנגען אויף א שטארקן בוים, איז ער שוין לאנג צעפוילט געוואָרען אויף אים, און ער איז אויסגעקומען, ווי א סטראשידלע, וואָס מען האָט אויפגעהאָנגען צו פארטרייבן די פייגלען פון געגנט. ר׳ גימפּעלע זשאמוטער איז אוועק פינף הונדערט וויאָרסט צו זיך אין שטעטל אריין, אויפזוכן זיין ווייב, וואָס ער האָט געוואָלט זינדיקן מיט איר בימי נדה, אָבער ער איז געקומען קוים מיט די כּוחות, און געכ[illegible]ען, אז זי איז שוין געשטאָרבן פון לאנג און עס איז שוין פון איר גאָרנישט נישט פארבליבן.

עס האָט אויסגעזען פאר די צדיקימלעך דער הימל, ווי א פארראָסטער אייזן, וואָס לייגט זיך ארויף אויף די פּלייצעס און מען מוז אים טראָגן אָן שכר און אָן אָטעם צום לעבן. און דעריבער, וואו איינער איז נאָר געזעסן — דאָט ער זיך שוין נישט געוואָלט אויפשטעלן, וואָרום עס האָט אים נישט געלוינט. און ר׳ שמעיה רייסענער, וואָס איז געשטאנען מיט א פערקאשערטער בּאָרד און מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט, איז שוין אזוי פערבליבן שטיין אויף אייביק פערגליווערט, עד סוף כל הדורות.

20

# מרדכי מארקוס זאָגט ווידוי

די רעוואָלוציאָנערע שטאָט, וואָס האָט זיך דאָ ארײַנגעזעצט צווישן די בערג, איז שוין געלעגן איבער א נײַס רואיק. צלמים און הויכע טורעמס האָבן זיך געטונקט אין שײַנענ-דיקער ראָזקייט, ארויסגערוקט, ווי העלזער פון גענז, און די ברייטע דעכער, אויף דעם גאנצן שטח ארום זיי, זײַנען גע-לעגן אריבערגעדעקט מיט דינע נעפּלען, ווי מיט חלומות. שטיל איז געווען אין די גאסן. ווי נאָך א שטורעם האָבן אויסגעזען די אויסגעדרייטע אלטע בריקלעך, די געזימסן און די מויערן, וואָס די ברייטע ציגל זייערע האָבן זיך גענומען ברעקלען פון די שאָסן אין די ווענט. דער טײַך, די בערג און די וועלדער ארום האָבן בלוי ארויפגעקוקט אויף דער צוריקגעקומענער רו אין שטאָט. עס איז געווען פארטאָג, ריין און יום-טובדיק.

אין שפּיטאָל זײַנען געווען פארנומען אלע בעטלעך. אין א באזונדער, גרויסן, ווײַסן צימער איז געלעגן ער, מרדכי מארקוס, אן ארומגעצוואָגענער, א בלייכער, אין שטאַרק-קלאָרע וועש, וואָס ער האָט אזוינס זינט זײַן לעבן נאָך נישט גע-טראָגן. ער איז געלעגן אינעם בעט, אונטע-געפּארט מיט ווײַסע קישנס, א פערבלענדטער פון ריינקייט, און באטראכט דעם קערפּער זײַנעם, וואָס האָט אים אויסגעזען גראָד איצט פאר איבעריק, און ער האָט געשמייכלט פון גליק. אדורך די ברייטע גלאַנציקע פענסטער האָט ארײַנגעלויכטן די זון. ער האָט גע-

טראַכט לאנגזאם, און זיינע געדאנקען זיינען היינט געווען קלאָרע, דורכזיכטיקע און שטילע, שטילע, ווי שעפסן.

עס איז אריין דער שפּיטאָל-דאָקטאָר. מרדכי מארקוס האָט צו אים געשמייכלט און ער האָט נישט פארשטאנען, פארוואָס דער פריש-ארומגעוואשענער דאָקטאָר באקוקט אים עפּעס אזוי ערנסט, פארוואָס ער באטאפּט אים דעם דופק און שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אים באדויערט. אויף דעם שווארצן ברעטל איבער דעם געלעגער זיינעם איז געשטאנען אָנגעשריבן מיט ווייסן קרייד:

„מאָרדיך יודעליעוויטש מארקוס".

און ער האָט געטראכט, אז מען האָט טאקע ריכטיק געטראָפן, ווי אָנצושרייבן. דער דאָקטאָר האָט זיך צו אים ארי־בערגעבויגן און האָט אים שטיל געפרעגט, אזוי ווי אָן א זייט, אפשר האָט ער, מרדכי מארקוס, עפּעס איבערצוגעבן זיינע נאָענטע פריינט.

— ניין, וואָס האָט ער זיי וואָס איבערצוגעבן?

— מען קאָן נישט וויסן, ווייל דער פאציענט איז אָפּ־געגאנגען צו פיל מיט בלוט — —

— נו?

— ווער ווייס, וואָס עס קאָן טרעפן, הגם ער האלט זיך אין איין פארבעסערן — —

— אזוי?... איר רעדט וועגן דעם?

— יאָ.

און מארקוס האָט ערשט איצט פארשטאנען. זיינע אויגן האָבן זיך פלוצלונג אָנגעצונדן מיט עפּעס אזא הייליקן, נעפּל־דיקן טרויער. ער האָט זיך אראָפּגעלאָזן פאמעלעך אויף דעם קישן, דער קאָפּ איז אים אָפּגעפאלן אָן א זייט, און ער האָט שטארק אָנגעהויבן צו אָטעמען. איצט ערשט האָט ער דער־שפּירט, ווי שוואך ער איז. עס האָט אים ארומגעכאפּט אזא גרויסע, נאָגנדיקע בענקשאפט צו דער וועלט און ס'איז אים אויסגעקומען א שרעק ע:ע אומגערעכטיקייט בכלל, וואָס מענטשן שטארבן. איצט האָט ער עס דערשפּירט אזוי נאקעט, אזוי אָפן.

ער האָט געוויינט. די זון האָט אָפּגעשטראַלט פון זיין ווייס בעט, געקליבן זיך דאָ אין צימער נאָר איבער זיין געלעגער.ן געשיינט און געבראָכן זיך איבער אים אין דינע, איידעלע שטראַלן, און עס איז אים געווען א שאָד עס איבערצולאָזן פאר אנדערע. נאָר פלוצלונג, גאָר אומגעריכט, האָט זיך אָט דער טרויער ווי אָפּגעשטעלט, ווי דאָס בלוט וואָלט פון אים ערגעץ־וואו אָפּגעפלאָסן, ער האָט פאמעלעך געעפנט די אויגן. עס האָט אים א שיין געטאָן דאָס ליכט, ווי א ווייסער, ווארעמער פליגל, וואָס איז איבער אים אריבערגעגאנגען און איבערגעלאָזן עפּעס א זיסן אומעט פון פארגיין, אן עלנטקייט אויסגעמישט מיט פרייד, ווי ער וואָלט געהאָפן געוואָרן פון א געפאר. ער האָט אן אומעטיקן שמייכל געטאָן צום דאָקטאָר:

— אָ, עס איז גאָרנישט אזוי, ווי מען שטעלט זיך עס תחילת פאָר!

מארקוס האָט געבעטן איבערגעבן זיינע נאָענטע, אז ער וויל זיך מיט זיי דורכריידן פארן שיידן זיך. ער וויל זיך בכלל איצט דורכריידן, נאָכדעם ווי עס איז אים שוין אלץ קלאָר געוואָרן, אפשר וועט עס זיין פאר מאנכע זיינע פריינט אן אָנווייזונג, ווי צו לעבן אויף דער וועלט. און ער איז געבליבן אליין אין אָט דער הוילער ווייסקייט פון צימער, וואָס האָט יום־טובדיק און מיט אזא תכריכים־פרייד געלויכטן פאר זיינע אויגן.

אין דער בעדיכטער טונקלעניש פונם צימער האָבן זיך ארומגערוקט שאָטנס. עס האָבן זיך ארויסגעזען די שווערע קעפ פון מארקוס פריינד, וואָס זיינען זיך שוין צוזאמענגעקומען געזעגענען זיך. דער אלטער דאָקטער מיט ליינאָטש־קען זיינען געזעסן הארט ביים בעט, ווי אויסגעטעסיעט פון איין שטיין, גרויע, אָפּגעבליאקעטע, נישט אריר טועגדיק מיט א גליד. צווישנס איז געזעסן פריילן גנעסיע, ווי א שטעקן. עס האָבן ארויסגעלויכטן פון דער טונקלעניש אירע ווייסע זאָקן אין די שיך די שווארצע אריינגעטאָן, זי האָט אויפגעפינטלט

מיט די אויגן, און, פון צייט צו צייט, געווישט זיך מיט א טיכעלע דעם פנים. ר׳ יודע איז דאָ אויך געווען, ער איז געשטאנען ביי א וואנט, א זייטיקער, די הענט אין די ארבל, און ער האָט עפעס געטאָן מיט זיינע שעפסענע אויגן, וואָס זיינען אים געשענקט געוואָרן צו באקוקן די וועלט. ער האָט געוואָרט און נישט געוואָרט, אָבער ער האָט נישט פערשטאנען צוליב וואָס, אייגנטלעך, דארף מען אים דאָ. און עס זיינען נאָך געווען אזוי יידן מיט בערד, מיט נעזער זייער בלויע, און מיט לאנגע הענט, וואָס זיינען געהאָנגען נעבן זיי ביז צו דער ערד. עס זיינען געקומען די יידן פון הקדש, וואָס מרדכי מרקוס האָט אמאָל געלעבט צווישן זיי. ביים טיר, פון ביידע זייטן, זיינען נאָך געשטאנען סטעסיע און גנעסיע, ווי גרויע פייגעלעך, שטומע, וואָס קענען נאָר אָפּקלעבן און צו-קלעבן די ליפּן — א סימן, אז זיי לעבן. עס איז געווען טונקעל ביי דעם איינציקן ליכטעל, וואָס האָט געברענט, און עס האָט געשמעקט מיט אלטע קערפּערס, וואָס מען טראָגט זיי שוין טויט אויף זיך, ביז עס קלעקן נאָך כוחות. אלע, שווייגעווודיקע, האָבן געהאלטן אראָפּגעלאָזן די בליקן און האָבן זיס געטרויערט, מסתמא איבער זיך, און אפשר איבער אים.

מארקוס האָט געעפנט די אויגן. זיי האָבן אלע זיך א קער געטאָן צו אים, ארײַנקעקוקט מיט אָפענע מײַלער אין זיין מויל אריין, אפשר וויל ער שוין עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט זיי רואיק באקוקט, אריבער געפירט די אויגן זיינע איבער אלעמען און ער האָט, דאכט זיך, א שמייכל געטאָן, א ליבן, שמייכל פון איינעם, וואָס איז א זייטיקער, א ווייטער, גאָר א ווייטער. ער האָט זיך געוואָלט אָנלענען אויף די קישנס, אזוי האָבן אלע באמערקט, דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעהויבן, צו געהאָלפן, אָבער גלייך זיך אראָפּגעזעצט צוריק אויפן שטול מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, נישט קוקנדיק אויף קיינעם. מרדכי מארקוס האָט אָנגעהויבן זייער שטיל, קוים וואָס מען האָט געהערט:

— זעט, פריינד מיינע, איך גיי שוין אהיים. לאנג בין איך געגאנגען אונטער א גוטען שטערן, וואָס האָט פון מיר אויסגעמיטן בייז, ווען מאנכע האָבן געליטן און געשטאָרבן. כ'האָב ליב געהאט דעם טרויער, ווי איר האָט ליב די מוטער אייערע, נאָר איצט שרעק איך זיך, טאָמער וועט ער אויפהערן דאָרטן און כ'וועל פערדארן ווי א בוים, וואָס וואקסט ארויס פון שטיינער נאָר אפשר איז דער שרעק אומזיסט, ווייל כ'הער שוין א ווייטן געזאנג אויף די גאסן פון יענער זייט הימל, און וואו ס'איז דאָ געזאנג איז דאָ טרויער און ס'איז דאָ אויך גליק, מסתמא, דאָרטן פאר דעם געקומענעם.

איך ווייס, איר זיצט דאָ און איר טראכט: וויבאלד א מענטש האָט געלעבט, וואָס האָט ער געוואָלט? איך האָב געוואָלט נישט פערשווינדן און דעריבער האָב איך גאָרנישט נישט געטאָן. עס טוט נאָר א מ ע נ ט ש און איך ווייס, אז עס איז נישטאָ קיין מענטש אויף דער וועלט. מיר ווילן גאָרנישט, מיר טוען גאָרנישט, מיר פאָדערן גאָרנישט.

איר האָט געהערט, מען זאָגט: איוב האָט געלעסטערט גאָט. אָבער ווי אזוי האָט ער, גאָרנישט טוענדיק, געקאָנט לעסטערן גאָט? ער איז צוגעגאנגען ביז צו דער לעצטער קריסטאָלענער טיר און אָט די גרויזאמע, שטארקע, קאלטע בלענדעניש פון דער וועלט איז עס, וואָס אלע זאָגן — לעסטערונג. פריינד מיינע, איר זייט געווען גליקלעך, ווען איר האָט אים געזען זיצנדיק באָרוועס אויף דער ערד מיט דעם אש אויפן קאָפּ. פארוואָס האָט איר זיך געפרייט מיט זיין בראָך? מסתמא, ווייל עס איז פאראן פרייד אין טרויער און גליק איז פאראן אין פיין.

זעט, איך גיי א היים און כ'וויל מיט נעמען מיט זיך אָט דעם ספרל. אפשר וועל איך קיינעם דאָרטן נישט גע-פונען און כ'וועל זיך מוזן זעצן דאָרטן נאָכאמאָל אויף דער ערד און אָנהייבן צוריק פון אָנהייב.

דאָ האָט פריילן גנעסיע זיך גענומען מיט אמאָל העטשקען אויפן בעט, זי האָט זיך אָנגעהויבן וויגן, ווי אויף שרויפן,

און מען האָט תחילת נישט געוואוסט, צי זי קלייבט זיך וויינען, אָדער לאכן. עס האָט זיך דערהערט ביי איר פון האלז א מין קראקען, ווי פון א וואָראָנעלע, און זי האָט געגעבן א פאל אויפן געלעגער צו מארקוסעס פיס, פערווארפנדיק אירע לאנגע הענט, ווי פליגלען פון א ווינטמיל, — האָבן אלע פערשטאנען, אז עס איז אזא ארט וויינען ביי איר, און מען האָט זיך צוגעקוקט, וואָס וועט ווערן דערפון. נאָר עס איז דערפון גאָרנישט געוואָרן, זי האָט געשריען און געוויינט, געוויינט אָן טרערן, ווי עס קענען אזוי אמאָל ווייבער וויינען.

מרדכי מארקוס האָט אָפּגעדעכעט, געעפענט די מוטנע אויגן, וואו ס'האָבן זיך שוין אויסגעמישט די ווייסלען מיט די שווארצלען. ער האָט זיך געמיט א שמייכל טאָן, אָבער עס איז פון דעם גאָרנישט נישט ארויסגעקומען:

— פריינד מיינע, עס איז פאראן א שטילע פרייד פון גאָרנישט וועלן. איר זייט געקומען צו א קאלטער וואנט, וואָס גליווערט ברייט און טונקל פאר די אויגן, איר שטייט צוגעשפּארט צו איר, און עס איז אייך זיס דער טרויער פון גאָרנישט דערגרייכן און גאָרנישט האָבן. בודא האָט גאָרנישט געוואָלט, אָבער ער האָט נישט געגלויבט אין טרויער און דעריבער האָט פון אים באהאלטן ארויסגעלויכטן די מרה-שחורה. אָבער איך גלויב און דעריבער זאָג איך: א לויב צו דיר, טרויער, וואָס דו האָסט מיך באגלייט ביז דעם לעצטן טראָט אין קבר אריין, מיין נשמה האָסטו דערווארעמט מיט דיינע עניוותדיקע בליקן, ווען כ'האָב געוויינט פונם קוועלנדן עלנט אין מיר און פון דער בענקשאפט צו גאָרנישט. א לויב פאר דעם צופיל טונקעלן גליק אין מיין לעבן, וואָס כ'בין שטענדיק זאט געווען מיט געזאנג אין דער נשמה, און נישט געגאנגען הונגעריק נאָך פרעמדער טרייסט.

וואָס האָב איך געוואָלט. פריינט מיינע? — נישט באלוינונג. טו מיט מיר — האָב איך געזאָגט — ווי דו טוסט מיט די פעלדער דיינע און איך וועל מתפלל זיין. כ'וועל

מתפּלל זיין און דו הער מיך נישט, מחמת איך וויל נישט, אז די תּפילה זאָל צו ריר דערגיין.

זעט, כ׳בין געלעגן ביינאכט אין בוידימל, ווי אין קערפּער מיינעם, און כ׳האָב געהערט די וועלט פון מיר, און דעמאָלט האָב איך מתפּלל געווען צו קיינעם נישט. פונם לבנהדיקן הימל האָבן געווייט איבערן בוידימל׳ ווי לאנגע זילבערנע האָר, און איך האָב אויך מתפּלל געווען מיט א גע־זאנג צו קיינעם נישט. וואָרום איך האָב געגלויבט, פריינד מיינע, איך האָב געגלויבט אין די שטערן, אין די מילכוועגן און אינם ליכט, וואָס קוועלט ארויס פונם מענשטן. איך האָב געגלויבט אין אלע וועלטן, און דערהויפּט, אינם קאלטן טרויער, וואָס, אָטעמט פון אלץ און פון אלעמען.

מען האָט זיך איבערגעבויגן צום בעט און קוים קוים, וואָס מען האָט געהערט די לעצטע ווערטער זיינע:

— — אין דער ליכטיקייט האָב איך געזען נאָך א ליכט — א העלערע. עס איז די געשטאלט פונם אָרעמען ער איז שטיל געקומען, כאָטש איך האָב נישט געוואָרט אויף אים. און בעת ער האָט מיר באוויזן די וואונדן האָב איך געלאכט, און עס האָט מיר ווי געטון וואָס די וואונדן זיינע היילן זיך. זע, איך וויל נישט קיין באלייזונג און ס׳איז מיר טייער יעדע וואונד. קום. איך וועל דיר אויפרייסן דיינע וואונדן, קיינמאָל נישט צום פערהיילן, וואָרום איך וויל קיין באלייזונג נישט — — — אָ. עס איז שוין נאָר פינס־טער און פינסטער איך הער בלויז דאָס געזאנג פון ווייסן אייזעלע אין דער פינסטער. וואוהין בלאָנדזשעט ער אליין אָן א רייטער? — — — עס הענגט די טאָרבע אויף אים און דער אלטער לאָגל, אָבער ע ר איז נישטאָ — — — ווי מיר — — ווי מיר — — —

און וואָס עס איז דערנאָך געווען, ווייט שוין קיינער נישט.

(סוף).

JEWISH CULTURAL